זייער גוט. און אויך די וואס לערנען אליינס, און ווער ס'האט קשיות אויף אונזער שיעור, אדער האלט אז מיר האבן פאלש געלערנט, זאל אריינשיקן אין די הערות גרופ. מ'קען פרעגן קשיות, סתם אזוי קומט מען דארט צו אן אחדות. און אויך את מניינם וכן יעשה פאר די אידן וואס טוען שוין אזוי.

**דיגרעסיע: פארוואס האט מלאכת הוצאה אזויפיל אריכות?**

זייער גוט. מיר האלטן אינמיטן די ענין פון יציאת שבת. די חלק פון צווישן אלע ל"ט מלאכות, די מלאכה פון מוציא בשבת, טראגן ברשות הרבים אדער ד' אמות, האט די מערסטע אריכות אין הלכות שבת. און ס'איז קלאר, מיר האבן שוין אפאר מאל געהאט געוויסע מהלכים מסביר צו זיין פארוואס יציאה איז די גרויסע אריכות. הגם יציאה איז א מלאכה גרועה, א שוואכערע יציאה, אפשר איז עס א זאך וואס געשעט מער אפט, אדער אפשר איז עס א זאך וואו ס'איז דא מער ספיקות.

לכאורה, דו זאגסט אז ווען דו גראבסט אין די פלאר, גראבסטו נישט, אבער טראגן איז עפעס וואס מענטשן גייען און מ'האלט אייביג אין די הענט זאכן.

יא, מ'זעט דאך אז מוקצה איז אויך משום הוצאה. מ'זעט אז הוצאה דארף זיין די מערסטע אריכות.

איך מיין ווייל ס'איז מער, מער על פי קבלה. נישט על פי קבלה, ס'איז מער מפורש. די חכמים האבן ליב ווי מער מפורש. רעדן וועגן קו אין חורש זיין אין די ערד, די רבנן חכמים בכלל, ס'שטייט דאך "מרגלא בפומיה דרבנן" די אביי ורבא. אני ברי וחברי ברי, אני מלאכתי בעיר והוא מלאכתו בשדה. א חכם איז איינער וואס זיצט אין די שטאט, דער ארבעטער ארבעט אין פעלד. מסתמא פרעגט ער אמאל א שאלה, ער פרעגט פאר'ן רב, ער איז דאך אין זיין פעלד. יעקב איש תם יושב אהלים. ער פרעגט אמאל א שאלה, אבער די זאכן וואס די חכמים קערן וועגן זענען שטאטישע זאכן. סאו הוצאה איז בעצם כמעט די איינציגסטע מלאכה. איך מיין, בישול, בישול מאכט די ווייב. אבער הוצאה, דאס איז די זאך וואס די חכמים טוען, וואס מ'טוט אין שטאט. ביזנעס, קענסטו אפשר זאגן אז ביזנעס האט מיט הוצאה. אבער על כל פנים, חבר'ה, דאס געבט דאך נישט ממש, ווייל בורר איז דאך שייך אויך ביים עסן, און רייסן איז שייך אויך ביים אויסקעמען די האר.

איך מיין צו זאגן, טאג-טעגליכע זאכן וואס טאטשט אן די ל"ט מלאכות. אפשר די עיקר קוצר איז ווען מ'שטייט און מ'שערט אפ די שעפעלע. אבער חז"ל זאגן קלאר, אז איינער רייסט ארויס צוויי האר, אדער אפילו איינס, ווען ס'איז מלאכת לבנות. יא, בקיצור, ס'איז נישט אזוי קלאר פארוואס פונקט הוצאה דארף אזוי שטארק ארויסשטיין. ס'איז מער למדנ'יש. די חכמים האבן ליב געהאט מער למדנ'ישע הלכות.

ס'שטייט אז ס'איז חמור, ווייל תוספות רעדט וועגן דעם, פארוואס די מסכת הייבט זיך אן מיט יציאות השבת? יא, ווייל ס'איז א מלאכה גרועה, דארף מען מהרחיק זיין. וואס איז מער אינטערעסאנט, גרועה מיינט גרועה בגשמיות, ס'איז מער... אבער ברוחניות איז בעסער, ווייל ס'איז וויניגער פיזיקל, ס'איז מער מחשבה. כמעט די גאנצע... אלע מלאכות איז בלבת מחשבת אסרה תורה, אבער עפעס טוט מען. ביי הוצאה איז כמעט נאר די מחשבה. יא, מ'רוקט עפעס פון רשות צו רשות. און ווי זעסטו וואס איז די רשות? די רשות איז נישט קיין זאך וואס מ'קען זען. ווי מ'זאל נישט לייגן, ווי מ'זאל נישט לופש'ן. ניין, די רשות איז א דבר רוחני. א רשות איז א דבר רוחני. דו האסט אמאל געזען א רשות הרבים? קענסט נישט זען. ס'איז תלוי אין אזויפיל איידעלע חילוקים.

יעצט רעדט מען אבער יא אביסל פרעקטיקל זאכן. געוויסע זאכן זעט אויס יא, ס'איז פרעקטיש. דאס איז טאקע אויך אינטערעסאנט צו זען, מ'איז אפילו מפשיט געווען די ווארט רשות הרבים, רשות היחיד.

אקעי, יעצט שטייט אז זיי האבן גענומען רשות הרבים, רשות היחיד, און זיי האבן געזאגט אז ס'האט נישט צוטון מיט די הצטרכות אדער מיט די רשות צו וועם ס'באלאנגט. ס'האט צוטון מיט וויאזוי די סטראקטשער זעט געוועונליך אויס, ווי הויך, ווי גרויס ס'איז. זיי האבן געמאכט אלעס אינטו סייזעס. יא, איך וואלט געקענט טראכטן אז רשות הרבים איז א פלאץ וואס באלאנגט צו די רבים. און ס'באלאנגט פאר די ערשטע רמב"ם און ס'איז אינגאנצן נישט נוגע.

**הלכה א': עומד ברשות אחת ומטלטל ברשות אחרת**

**לשון הרמב"ם**

אקעי, זאגט די הייליגע רמב"ם, יא, הלכה א'. אונז לערנען בעצם וועגן די ערשטע פאר הלכות, איז דא א ליסט רעדן וועגן דעם, צו ווען דער מענטש וואס טראגט, אדער וואס איז מוציא - פארוואס רופן זיי עס טראגן די מלאכה? די מלאכה איז נישט טראגן, די מלאכה איז ארויסנעמען אדער אריינברענגען.

עקירה והנחה, יא. נישט טראגן. הוצאה מיינט ארויסנעמען, נישט טראגן. טראגן איז מער העברה. ד' אמות ברשות הרבים איז שוין טראגן, נישט דא דאס ווארט טראגן. אביסל. אויך, העברה מיינט איבערברענגען. טראגן איז אזוי ווי משא, ניין? נושא. ס'איז נישט קיין מלאכת נשיאה.

עניוועיס, מ'גייט רעדן וועגן טראגן. ווען דער מענטש וואס טוט די פעולה איז נישט אין די זעלבע רשות ווי... ניין, ווען א מענטש שטייט צווישן צוויי רשויות. בעצם האבן אונז דאס שוין געלערנט אביסל, איך מיין אונז האבן עס שוין געלערנט אין סוף פון די פריערדיגע פרק, אבער אונז גייען דא לערנען, און בעצם מיט דעם הייבט זיך אן מסכת שבת. מסכת שבת הייבט זיך אן מיט איינער שטייט פון די זייט פון די פענסטער, און איינער שטייט פון די זייט פון די פענסטער, און ס'איז דא א האלב עקירה, האלב הנחה, די סארט זאכן.

שוין, זאגט דער רמב"ם אזוי: **עומד ברשות הרבים**, א מענטש מעג שטיין אין רשות הרבים, למשל ער שטייט אין רשות הרבים גלייך לעבן אן אפענע פענסטער פון א רשות היחיד, צו וואס? **ומטלטל ברשות היחיד כולו**, ער מעג ארומטראגן אין די רשות היחיד. סתם אזוי, מ'קוקט נישט אן וואו דער מענטש איז, נאר מ'קוקט וואו די טלטול געשעט. די זאך ווערט געטראגן אין די רשות היחיד.

**חידוש: ס'איז אפילו מותר לכתחילה**

די חידוש איז אז ס'איז אפילו מותר. לכאורה וואלט איך געזאגט, יא, ער קען אריינגיין אזוי ווי ראשו ורובו בחצי לתוכה, מ'האט מורא ער גייט נישט אריינגיין. איך וואלט געזאגט אז מ'דארף צו טראכטן אזוי. מ'גייט זען אין די נעקסטע הלכה אז דא איז פאר אונז יא. מ'וועט זען אז ס'איז געווען טאקע די חכם פאר אזא וועג, ווייל מ'האט מורא אז ער גייט עס אריינברענגען צו ווער איז. אבער סתם מטלטל זיין מעג מען. אויב ער געדענקט, און ווען ס'איז נישט דא דער חשש, מעג מען.

**פארקערט: עומד ברשות היחיד ומטלטל ברשות הרבים**

**עומד ברשות היחיד**, מ'מעג אויך טון פארקערט, זיין עומד ברשות היחיד **ומטלטל ברשות הרבים**, מיינט ער בסך הכל ד' אמות. אזוי ווי ער זאגט, **ובלבד שלא יוציא חוץ לד' אמות**. ובלבד, ברשות היחיד, ער זאגט שוין רשות היחיד כולו. ברשות היחיד מעג מען מער ווי ד' אמות, אבער מען טלטל ברשות הרבים ובלבד שלא יוציא חוץ לד' אמות.

זייער גוט. דאס איז לויט די רמב"ם'ס שיטה וואס לערנט אז ד' אמות ברשות הרבים מעג מען מותר לכתחילה, נישט ווי די רב וואס האט געזאגט אז נאר אין געוויסע אופנים מעג מען. רייט? רייט. זייער גוט.

**ואם הוציא — פטור**

**ואם הוציא**, אויב ער האט יא געשטאנען אין רשות היחיד און ער האט מוציא געווען ד' אמות ברשות הרבים, **פטור**. נאר ער איז שרוי בשב ואל תעשה. צו זיין חייב א חטאת אדער אן עונש, דארף זיין אז ער זאל ממש טראגן ד' אמות ברשות הרבים ווען ער איז אויך אין רשות הרבים. אבער ער איז ברשות אחרת, זעט אויס אז די רשות אחרת נעמט מען אן לחומרא אויף למעשה, אבער אויף צו זיין חייב איז ער דאך ברשות אחרת.

**דיסקוסיע: סתירה אין דעם מהלך — קולא און חומרא**

וכן, ס'טייטשט אביסל אינטערעסאנט, ווייל אז דו זאגסט מען טלטל ברשות היחיד כולא, איז דאך פשט אז דו זאגסט אז מען קוקט נאר אויף וואו די זאך איז. אויב אזוי וואלט מען געדארפט זיין אויך חייב. יא? ס'איז וואס טייטשט מ'איז מקיל אין די ענין. איך וואלט געוואלט זאגן אז אויב מ'איז פטור פון חטאת, איז דאך פשט אז מ'קוקט אויך אויף די מענטש, זאל מען יא חושש זיין אויך נישט צו מעגן מטלטל זיין ברשות היחיד כולא. ס'איז דא דאך א קולא.

ס'איז נישט קיין סתירה, ווייל קודם כל, דאס איז נישט קיין סתירה פון א מלאכת הוצאה. ווען דו גייסט מיט א מלאכה, אז דו שטייסט אין די חפץ פון די פלאץ וואו דו מאכסט אן עקירה, אזוי איז נארמאל. ס'איז נישט אזוי ווי א שינוי, עפעס א קנס מדרבנן, אבער דאס איז נישט די נארמאלע וועג פון מוציא זיין. ס'איז ענליך צו אזוי ווי די תורה האט נישט גערעדט פון עפעס א מגפה אדער איינע פון די סארט זאכן, ס'איז א שולחן ערוך'דיגע דרך, עפעס אזא ענליכע זאך.

**פושט ידו ופותח ונועל**

**יא. וכן, עומד אדם ברשות היחיד, ופושט ברשות הרבים.** ער מעג אויפמאכן די טיר, ער מעג נעמען א שליסל און עס ארויסנעמען פון וואו ער שטייט אין רשות היחיד. וואס היילט איך איין? וואס איז די פתח? די שליסל ליגט שוין דארט. וואס איז די חידוש פון פותח? עפענען א טיר מעג מען איבעראל, וואס איז עפעס מיט דעם א חידוש?

דאס איז די חידוש. די חידוש איז אז ער טראגט אביסל, אדער עפענט א טיר. וואס טראגט ער? ער טראגט גארנישט, ער עפענט א טיר. ווייל דו קענסט טראכטן אז מ'זאל גוזר זיין, ווייל טאמער וועט מען זען אין פנים וואס די חכמים האבן גוזר געווען. דאס איז די חידוש, דאס איז מותר. דאס איז זאכן וואס זענען אינגאנצן מותר.

#### דיסקוסיע: וואס איז די הוה אמינא?

ס'וואלט געמאכט אסאך סענס, טראכט אריין, א מענטש האט א סטאר אדער עפעס, א פארמאכטע זאך, ליגט אין די אנדערע רשות. ער האט א שליסל אין די טיר, לאמיר זאגן, אדער די שליסל ליגט נעבן דעם. ער נעמט די שליסל פון דארט און ער מאכט אויף. באט ער מאכט עס אויף צו הייבן, דער נארמאלער נעמט די שליסל און לייגט עס אריין אין טאש. איז דא דא עפעס א חפץ וואס הייסט א שליסל וואס ווערט געררוקט. דער רמב"ם זאגט עס נישט. ער זאגט נישט אז ער ריקט נישט די שליסל, ער משריש די סס. דאס איז זיכער אסור. לאמיר זאגן ער ריקט די שליסל, ריקט ער נישט פון רשות לרשות. רייט, רייט. אבער ס'איז דא דא עפעס א שליסל, מ'רעדט נישט סתם פון עפענען א טיר. דער רמב"ם זאגט נישט גארנישט וועגן א שליסל, אפילו אן א שליסל.

וואס איז די הוה אמינא? וואס איז די הוה אמינא? ס'איז דא דאך א שום טראגן בכלל. אין די הוה אמינא איז די גזירת חכמים, לאמיר זאגן קלאר. ס'איז דא א אופן וואס מ'טוט נישט, און ס'איז גארנישט שייך וועגן פותח זיין. טאקע פארדעם איז עס מותר, אבער אנדערע זאכן זענען אסור.

יא, אבער אלע אנדערע זאכן רעדט מען פון טראגן. די פותח זיין האט דאך בכלל גארנישט קיין טראגן. מ'רעדט אויף אלע אופנים וואס מ'האט נישט קיין איסור פון טראגן. נישט איסור פון טראגן, אבער מ'רעדט פון טראגן, מ'טלטל'ט זיין א זאך. דא רעדט ער גארנישט אן מיט טלטל'ן זיין, דא רעדט ער וועגן עפענען א טיר. מ'מעג עפענען א טיר שבת? איך וואלט געוואלט פארשטיין, מ'מעג עפענען א טיר שבת פון אן אנדערע רשות? פארוואס זאל זיין א חילוק? ער טראגט גארנישט. קוק ווייטער, אין די אנדערע קעיס טראגט ער אויך גארנישט. דאס איז נישט די שאלה.

#### שיטת רבי מאיר

און דאס איז נאך דא אונזער געווען א שיטת רבי מאיר, דער הייליגער תנא רבי מאיר האט געהאלטן אז מ'טאר נישט. לאמיר זען. מ'טאר נישט וואס? עפענען א טיר פון אן אנדערע רשות. עקזעקטלי אזוויי די הויז. מ'דארף שטיין אין די זעלבע רשות ווי מ'עפענט די טיר. ווייל יעדע מאל א מענטש שטייט אין גאס און ער עפענט אויף די טיר פון א הויז, עקזעקטלי, מ'מעג נאר בלייבן אין די הויז לויט רבי מאיר. אדער דו שטייסט אין רשות הרבים און דו ווילסט א טיר אריינצוגיין אין רשות היחיד, טארסטו נישט. טארסטו נישט אריינגיין צווישן די צוויי רשויות לויט רבי מאיר. אקעי, איך גלייב... I don't think so. ס'איז מיר שווער צו גלייבן אזוי. מ'דארף זען פון וואס מ'רעדט. מ'דארף זען... יא, עפעס א שליסל אין די וואו. די מכון האט נישט געלערנט די סוגיא, וויאזוי קען איך אים זאגן? מ'טראגט נישט דעם שליסל.

#### פרק טו: גזירות שונות על הוצאה — עומד ברשות אחת ומטלטל ברשות אחרת

#### הלכה: עפענען א טיר בשבת

## Speaker 1:

מ'רעדט פון טראגן, מטלטל זיין א זאך. דא רעדט ער גארנישט אויף מטלטל זיין, דא רעדט ער וועגן עפענען א טיר. מ'מעג עפענען א טיר שבת. וואלט איך פארשטאנען אז מ'מעג עפענען א טיר שבת פון אן אנדערע רשות. פארוואס זאל מען נישט אפילו עפענען א טיר פון אן אנדערע רשות? וואס איז די חילוק? ער טראגט גארנישט. קוק ווייטער, אין די אנדערע קעיס טראגט ער אויך גארנישט.

איז נישט די שאלה, איז נישט נאכדעם וואס איז געווען א שיטת רבי מאיר, די הייליגע תנא רבי מאיר האט געהאלטן אז מ'טאר נישט. לאמיר געזען, מ'טאר נישט וואס? עפענען א טיר אין אן אנדערע רשות. עקזעקטלי אזוי ווי די היתר, מ'דארף שטיין אין די זעלבע רשות ווי מ'עפנט די טיר. ווייל יעדע מאל א מענטש שטייט אין גאס און עפנט אויף די טיר פון א הויז, זאל מען נאר בלייבן אין די הויז לויט רבי מאיר, און אלע מענטשן זאלן בלייבן אין די הויז.

וואס איז דאס? אזוי זאגט ער? אויב דא איז דא רשות הרבים און ס'איז דא א טיר אריינצוגיין, שלא יופתח, מ'טאר נישט אריינגיין צווישן די צוויי רשויות, לויט רבי מאיר זאגסטו? אקעי, איך דאונט טינק סאו, ס'איז מיר שווער צו גלייבן אזוי.

#### דער חידוש מיט דעם שליסל

## Speaker 1:

מ'דארף זען וואס מ'רעדט, ווען מ'זעט יא עפעס א שליסל אין די וואנט, האב איך נישט געלערנט אז מ'טראגט נישט דעם שליסל, ס'איז נישט קיין חילוק. אן טראגן, אבער עפעס א... ווי ס'איז דא א מקום ווי עפעס א חשש, עפעס ווערט דא געטראגן.

זייער גוט, מ'קען עפענען א טיר. קיינער האט נישט געטראכט אז עפענען א טיר הייסט אז מ'טראגט א טיר. אזוויי וואס? אזוויי וואס זאגסטו? א טיר וואס ליגט אויף הינדזשעס, יא? האט ער נישט גארנישט געזאגט וועגן טראגן די טיר. איך האב דיר גארנישט געזאגט, איך האב נאר געזאגט וואס מ'מעג יא. ס'איז נישט קיין פראבלעם, דו זוכסט אלעס וואס מ'מעג נישט, אבער דער רמב"ם זאגט אז מ'מעג יא, סאו ס'איז נישט ריין.

איך האב דיר געזאגט די גרויסע חידוש, אז מ'מעג טראגן ווייל מיר זענען רשות היחיד, אויב דיין הענט איז אין רשות הרבים, דארטן מעג מען. אבער וואס איז די חידוש? ער רעדט דאך עפעס פון א שליסל. אקעי, פארוואס רעדט ער פון א שליסל? אבער ס'איז נאר אז דער שליסל ליגט שוין אין די טיר, אדער ס'ליגט נעבן די טיר, ס'איז נישט קיין חילוק. ער טראגט נישט דעם שליסל אין ערגעץ, דאס איז דער חידוש.

דער חידוש איז ווייל דו קענסט טראכטן אנדערע צדיקים האבן גוזר געווען, ער גייט טראגן דעם שליסל, ער גייט עס צוריקנעמען. דער תירוץ איז אז ער גייט נישט.

ס'איז דא עפעס צולייגן, אז ס'איז דא א חשש אויף דעם שליסל. אז ווען ס'איז דא א שליסל אין די טיר, איז דא א שיטה אז אפשר זאל מען מורא האבן אז ער גייט לכבוד דעם מטלטל זיין דעם שליסל. אקעי, יא. און דא זעט ער זיך נישט מטלטל ברשות הרבים ווען... ווען ער עפנט, ווייל ער איז דאך נאך אינדרויסן. יא, ער וויל עפענען די טיר.

סאו אויב וואלט ער ווען געהאלטן די שליסל אין די האנט, וואלט מען נישט געטאָרט. סאו ווייל די שליסל ליגט אין די טיר, מעג מען. אויב וואלט ער געבערענגט די... יא, אבער דא איז נישט אזוי ווי בשעת היחוד אין מטה בשעת הרבים, ווייל... יא? איך ווייס שוין ווי ס'איז מיט א טאלטל, בכלל. מיט א טאלטל דארף זיין אן אפענע טיר וואו זיין האנט זאל שוין ליגן אינעווייניג. איך מיין אזוי.

ס'איז נישט דא קיין טאלטל. ס'איז דאך דא א שטיקל וואס אפשר די נארמאלע וועג איז אז דער מענטש לייגט אריין די שליסל אין טאש, איך ווייס נישט, עפעס אזוי איז ס'איז. אבער עניוועי, ס'איז מותר, סאו ס'שפילט נישט אויס מסביר צו זיין וואס די היתר איז, ס'איז נאר א היתר. זייער גוט.

#### הלכה: בהמה שעומדת בחוץ וראשה בפנים

## Speaker 1:

ווייטער, **בהמה שעומדת בחוץ וראשה בפנים**, א בהמה וואס שטייט אינדרויסן פון די רשות, און זיין קאפ שטעקט זיך אריין אין די רשות היחיד, **אסור להאכילה**, מעג מען אים געבן צו עסן. **אבל גמל**, אבער א גמל איז אזוי, **עד שיכניס רוב גופו בפנים, הואיל וצווארו ארוך**, א גמל וואס האט א לאנגע האלדז, טאר מען נישט געבן צו עסן ווען ער איז אינדרויסן און זיין ראשו בפנים.

פארוואס? ווייל פון ווען ער שלינגט עס ביז ס'קומט אן צו זיין בויך גייט עס ד' אמות? ניין, ניין, מ'האלט יעצט בחוששין. איז די רעשט פון די הלכה איז, גייט ער אויפהייבן מיט אים, ער גייט נישט טון דעים. ווייל די גמל האט אים אביסל אוועקגעוואקט, און דו האסט ארויסגעשטעקט דיין האנט צו אים, דאס איז די ווארט.

יא, אדער די גמל גייט עס ארויסנעמען. ניין, ס'איז נישט קיין פראבלעם אז די גמל נעמט עס ארויס. וואס איז די היתר? ער מאכט א... יא, ער ברענגט דא אזא לשון הרמב"ם, מ'האט מורא אז ער גייט נמשך ווערן נאך די גמל'ס לאנגע האלדז.

ס'איז נישט ווי א געוועהנליכע בהמה, אויב גייט די בהמה אוועקוואקן, גייסטו כאפן אז דו וואקסט יעצט ארויס פון רשות הרבים. אבער דא איז דא א לאנגע האלדז, האט מען מורא אז דער מענטש גייט ארויסגיין צו די גמל. ווייל ער שטעקט זיך יעצט אריין, לאמיר טראכטן, ער שטייט דא און ער שטעקט זיך אריין אין זיין מויל. די גמל שטייט ווייט און ער האט א לאנגע האלדז. אויב ער שטעקט נאר אביסל לענגער זיין האנט, איז ער עובר אויף הוצאה מרשות לרשות.

סאו א בהמה בלייבט, אבער א גמל קען זיך אויסדרייען אין א סעקונדע, עפעס אזוי. יא. אקעי. יעצט קען מען לערנען פון דעם וואס מ'טאר נישט מאכן הוצאה אין די אנדערע רשות מדרבנן, און א גמרא מפורשת אין עירובין.

**הלכה: לא יעמוד אדם ברשות היחיד וישתה ברשות הרבים**

### Speaker 1:

**לא יעמוד אדם ברשות היחיד וישתה ברשות הרבים.** לויט די כלל אז מ'מעג האלטן די הענט אינעווייניג אין די אנדערע רשות און מ'טאר נישט האלטן די זאך, וואלט א מענטש געטראכט אז מ'מעג אויך טרינקען אין די וועג. אבער מ'טאר נישט. מ'טאר נישט שטיין אין איין רשות און זיך אריינשטעקן די קאפ און טרינקען, אדער פארקערט, **שטיין ברשות הרבים וישתה ברשות היחיד.**

**אלא אם כן הכניס ראשו ורובו למקום ששותה**, נאר אויב ער איז דארטן ראשו ורובו. און ער איז מסביר, **מדובר במים משלושה טפחים סמוך לקרקע**, נאר אויב טרינקט ער אין שיינע כלים, אדער, ס'איז דא די לשון "נאים", ער מיינט נישט דווקא נאים, ער מיינט עפעס וואס ס'איז דא א חשש אז מ'וועט טראכטן אז דער מענטש גייט עס נאכדעם נעמען, שצריך לענין מה שהוא גייט וועלן. **גזירה שמא יוציאם**, נאכ'ן טרינקען גייט ער מיטנעמען מיט זיך די כלי און עס נעמען צו זיך, און ער שטייט דאך אין די אנדערע רשות.

**אבל אם היו כלים שאינם נאים**, אויב ס'איז כלים וואס ער גייט איבערלאזן דארטן אויף די וואסער, ס'איז כלים וואס ער דארף נישט, **או שהיו המים בכרמלית**, אדער אויב די... ס'איז נישט א פאל פון א רשות היחיד און רשות הרבים, ס'איז נאר פון וואו ס'איז דא א איסור נישט גיין איז גוט, וועט מען נישט ווערן עובר מדאורייתא, נאר ס'איז א רשות היחיד אדער א רשות הרבים צו א כרמלית, וואס דארטן אפילו אין פאל פון נמשך ווערן און מיטנעמען די כלי מיט זיך וועט עס נאר זיין א דרבנן, דעמאלטס דארף מען נישט מורא האבן, מ'מאכט נישט קיין גזירה לגזירה. **אפילו שהכלים נאים**, אפילו אויב ס'איז יא כלים וואס זענען גוטע כלים וואס ס'איז דא די חשש אז ער וועט עס וועלן נעמען, **מעג מען יא הכניס ראשו ורובו**, מעג מען יא אריינשטעקן די קאפ אפילו ס'איז נישט ראשו ורובו, **ושותה במקומו, אפילו שלא הכניס ראשו ורובו.**

בקיצור, אויף איין ווארט, די חכמים האבן געמאכט א גזירה אז א איד וואס טרינקט מיט שיינע גלעזער, אדער אזעלכע גלעזער וואס ס'איז א חשש אז ער גייט עס צוריקנעמען, זאל ער נישט טרינקען אין א פלאץ וואס איז נישט די זעלבע רשות ווי ער איז, חוץ אויב ער איז ראשו ורובו דארט.

**באמערקונג: דער חשש איז נולד געווארן מיט טרינקען**

### Speaker 1:

ס'איז אינטערעסאנט אז אין אנפאנג ווען ער האט געזאגט "מטלטלין אין די אנדערע רשות", האט ער נישט געזאגט "מטלטלין להוציא חפץ". איז נישטא קיין חשש מורא צו האבן. ס'זעט אויס ווי דער חשש איז נולד געווארן מיט טרינקען. דאס איז עפעס א פאל פון טרינקען. ער וואלט געקענט מאכן סתם אנזאגן א נייע פאל פון טרינקען. ער זאגט, דאס מיט טאלטן אין די אנדערע רשות איז ווען ס'איז זיכער אז ער גייט צווישן נאכדעם פארגעסן און נעמען צו זיך.

יא, דאס איז וואס שטייט דא, אבער ס'איז צוויי פעלער אין די גמרא, און דער רמב"ם האט עס נישט געמאכט אונטער. ס'איז א חילוק וואס דער רמב"ם האט געטון אזא זאך, אבער ווי ס'שטייט אין די ערוך האט ער געמאכט די קינטא.

**הלכה: העומד ברשות הרבים וקולט מן האויר**

### Speaker 1:

אשא, ווייטער. **אומר רב, העומד ברשות הרבים וקולט מן האויר**, א מענטש וואס שטייט אין רשות הרבים און ער האלט עפעס א כלי צו אריינעמען פון די אויר די וואסער וואס רינט אראפ פון די צינור. ס'טייטש, ארום די הויז איז דא אזא גאטער, איך ווייס ווי די וואסער רינט אראפ. אדער סתם אזוי עס רינט וואסער אראפ אויף די וואנט. ווייל ער יעצט כאפן די וואסער און טרינקען.

מיט א כלי רעדט מען? ס'איז נישט קיין חילוק. ס'טייטש, ס'טראפט אראפ אויף א וואנט פון די רשות היחיד, אדער פון די צינור פון די רשות היחיד, און ער שטייט אין רשות הרבים. איז זאגט מען, אז אויב סתם ער שטייט אויף איין פלאץ און ער טאטשט נישט די רשות היחיד, דעמאלטס מעג מען. **אבל אם הושיט ידו לנגוע בצינור ובכותל, ויקבל**, אבער אויב ער האט ממש אויסגערוקט די צינור און ער נעמט עס ממש פון די וואנט, אדער ממש פון די צינור, טאר מען נישט.

ווענדט זיך. **ואם נגע**, וואס טוט זיך? איז דא א דרבנן איסור? **אם נגע**, אויב האט ער יא צוגערירט, ס'טייטש ער האט צוגעלייגט, ער האט קולט געווען די מים מיט א נגיעה, מיט ממש רירן די וואנט, **איז אם היה מקום שנגע בו למעלה מעשרה**, אויב די פלאץ וואו ער האט צוגערירט איז העכער פון צען טפחים, **ופחות משלשה סמוך לגג**, ווייניגער ווי דריי טפחים נאנט צו די דאך, **הרי זה אסור**, דאס טאר מען נישט טון. פארוואס? **שנמצא כעוקר מן הגג**, ס'זעט אויס ווי ער נעמט דאס וואסער פון די דאך.

אבער ער נעמט דאך די וואסער פון די אויר. אבער ווייל ער רירט אן, יא, עס טראפט דיר די וואסער אראפ אויף די... עס זעט אויס ווי עוקר מעל גג של רשות היחיד, ממילא זעט עס אויס ווי ער נעמט פון א רשות היחיד, ווייל ער שטייט אין רשות הרבים.

**וכן**, יא, ס'הייסט נישט ממש ווי ער... ס'איז נאר אסור לכתחילה, ס'איז נישט חייב. ער גייט מסביר זיין, יא, יא. **וכן אם היה הצינור רחב ארבעה על ארבעה**, אדער אויב דער צינור איז א גרעסערע צינור, ער האט ארבעה על ארבעה, בין סיי אויב דער צינור איז **בתוך עשרה**, סיי ס'איז **למעלה מעשרה**, אבער ווייל ס'איז אזוי ארבעה על ארבעה ווערט עס אזוי ווי א רשות היחיד. אדער א כרמלית. ארבעה וואס איז פחות מעשרה, אויב ס'איז אין עשרה איז עס א רשות היחיד, אויב ס'איז פחות איז עס א כרמלית.

דאן איז אויך דא א איסור, ווייל דו נעמסט פון א רשות היחיד אדער פון א כרמלית צו א רשות הרבים. **ולמה אינו חייב?** אבער פארוואס זאגט אונז אז ס'איז כאילו ס'הייסט אזוי ווי ס'וואלט געווען גענומען פון די רשות היחיד

פון די הויז אויף וואס ס'טראפט, פאַרוואס זאגן מיר נישט אז ס'הייסט ממש? זאגט ער, **מפני שאין המים נחים שם**. די וואסער האט נישט געלאנדעט אויף די הויז, ס'איז נישט אז די וואסער ליגט אויף די הויז.

ווען די וואסער ליגט אויף די הויז און ער נעמט עס, מיר האבן דאך געשמועסט אז וואסער קוקן מיר אן ווי אלע וואסער ליגט אויף די קרקע, וואלטן מיר געקוקט ווי אלע וואסער ליגט אויף די רשות היחיד און דו נעמסט עס. אבער ס'איז דאך נישט אזוי, ס'רינט דאך נישט הולך ונח, די וואסער לויפט. די וואסער לויפט, ס'איז נישט אז די וואסער קומט פון די רשות היחיד, אבער ס'איז שוין נישט אין די רשות היחיד.

**דיון: פאַרוואס איז ער נישט חייב?**

## Speaker 2:

אבער איך פארשטיי נישט, ער נעמט עס בכלל נישט. ער נעמט עס יא, ער נעמט עס אין א כלי, ער נעמט עס אין זיין מויל. אבער ער נעמט עס נישט פון די רשות היחיד, ער נעמט עס פון נאכדעם. ס'רינט אראפ אויף די וואנט.

## Speaker 1:

ניין, ער לייגט זיך נעבן די וואנט, ס'טראפט אים אריין. דו דארפסט האבן א בעיס אויף וואס די וואסער זאל ארינרינען. די וואסער רינט אים אריין אין עפעס. ס'רינט אויף א רשות היחיד, ס'זעט אויס ווי דו נעמסט פון א רשות היחיד. ס'שטייט דאך אז ס'זעט אויס.

אבער דער רמב"ם זאגט דא, פאַרוואס איז ער נישט חייב? מפני שאינן נחים. ס'הייסט, אויב ס'וואלט יא געווען נח יא, וואלט ער געווען חייב. אבער איך זע נישט וויאזוי ער וואלט געווען חייב. ער גייט דאך נישט אין די רשות היחיד, דער מענטש שטייט דאך אינגאנצן אין רשות הרבים, דער מענטש.

## Speaker 2:

אבער ער נעמט עס נאכדעם אריין צו זיך. ער שטייט אין רשות הרבים, טראכט פון די צינור, יא? די צינור האט דא וואסער, ווען ס'וואלט געווען נח, און ער גייט און ער פילט אן זיין האנט מיט וואסער פון די צינור און ער טרינקט עס דארט וואו ער איז, וואלט ער נישט געדארפט גיין וואסער.

## Speaker 1:

אה, ס'האט דיך שוין געכאפט. "לא נח" מיינט דאס זעלבע ווי אז ס'קומט אליינס. ער מאכט נאר די הנחה, ער מאכט נישט די עקירה. אויב ס'וואלט געווען נח וואלט ער געדארפט מאכן אן עקירה בשעת היחוד. אבער טאקע ווייל ס'איז נישט נח דארף ער נישט, ווייל ס'קען אזוי.

**דיון אין הלכות שבת: צינור, וואנט פון רשות היחיד, און זיז שלפני החלון**

**דער מעשה פון צינור און די שאלה פון עקירה**

## Speaker 1:

ער שטייט אין רשות הרבים, ער טראגט דעם צינור, יא, דער צינור איז דא וואסער, ווען ס'וואלט געווען נח, און ער גייט, און ער פילט אן זיין האנט מיט וואסער פון די צינור, און ער טרינקט עס דארטן.

אה, אבער אה, ס'האט דאס נישט קיין שייכות. לא נח מיינט די זעלבע ווי אז ס'קומט אליינס. ער מאכט נאר דאן הנחה, ער מאכט נישט קיין עקירה. אויב ס'וואלט געווען נח, וואלט ער געדארפט מאכן אן עקירה ברשות היחיד. אבער טאקע ווייל ס'איז נישט נח, דארף ער נישט.

## Speaker 2:

ניין, ווייל ס'קען זיין אז אויב ער נעמט עס אין א כלי, הייסט עס נאך אלץ אן עקירה. די וואסער רינט, אבער אין די מינוט ער נעמט עס אוועק פון די פלאו, הייסט עס אן עקירה.

## Speaker 1:

איך רעד נישט יעצט, איך רעד א פשוט'ע זאך, דער מענטש איז קיינמאל נישט געווען אין רשות היחיד. נישט ער, נישט זיין האנט, קיינער נישט אין רשות היחיד. זיין מעשה הייסט, ער האט געגומען וואסער פון רשות היחיד. דו האסט נישט געגומען, ס'קומט אליינס.

## Speaker 2:

וואס הייסט ער נעמט מיט א כלי? ער שטייט, און דא איז זיין כלי, און דא איז זיין האנט, און ער נעמט די וואסער און ער טרינקט עס. אבער ער נעמט עס פון די רשות הרבים.

## Speaker 1:

ער נעמט עס נישט פון די רשות הרבים, ער נעמט עס פון די רשות היחיד, וואס רינט אויף די וואנט.

## Speaker 2:

דו האסט נישט געגוג געווען, אבער ער נעמט עס צוריק.

## Speaker 1:

איך רעד פשוט, וואס איז די נפקא מינה? פאַרוואס זאל ער נישט מאכן די עקירה ווען ער נעמט די וואסער? די עקירה מאכט ער שוין אין רשות הרבים. ער איז אינגאנצן אין רשות הרבים. די עקירה מאכט ער ווען ער כאפט אן זיין האנט ביי די וואנט פון רשות היחיד. זיין האנט איז העכער די וואנט, אדער אין רשות הרבים שוין.

**דיון: סטאטוס פון א וואנט פון רשות היחיד**

## Speaker 2:

ווען איינער נעמט עפעס אראפ פון א וואנט, דאס האסטו פריער געשטעלט, איינער האט א כלי אויף א וואנט. ער גייט אויף די וואנט, עפעס פאלט אראפ פון די וואנט, און איך כאפ עס נאכדעם. יא, ס'איז גענומען פון א וואנט.

## Speaker 1:

וואס פאלט דיך איין? דו דארפסט עס נעמען פון די רשות היחיד. ס'איז נישטא אזא היתר אין די וועלט. ער האט גענומען פון די וואנט, עפעס איז געפאלן דערפון, ס'ליגט אויף די וואנט, ס'איז געפאלן פון די וואנט. איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט.

דער מענטש שטייט אינגאנצן אין רשות הרבים, נישט ער, נישט זיין האנט, איז קיינמאל נישט געווען אין רשות היחיד. ס'איז נישטא אין די וועלט אזא היתר, ווי מ'לייגט נישט גארנישט אריין אין די אנדערע רשות. ס'איז נישטא אזא זאך. דער מענטש איז קיינמאל נישט געווען אין רשות היחיד. אמת?

פארשטייסטו וואס איך זאג? ס'איז דא א הויז, און ס'איז דא א וואנט. אויף דער וואנט קריכט דארטן א שרץ, יא? און ער נעמט עס אראפ פון דער וואנט. האט ער יעצט געמאכט אן עקירה פון א וואנט? האט ער אריינגעלייגט זיין האנט אין דער רשות היחיד?

## Speaker 2:

ניין, ניין, פון דער וואנט. די וואנט איז רשות היחיד.

## Speaker 1:

אבער די וואנט, די וואנט פון די אויטסייד...

## Speaker 2:

אבער די וואנט פון די אויטסייד איז כותל רשות היחיד, איז רשות היחיד.

## Speaker 1:

נאכאמאל, ער טאטשט עס נאר, אבער ער נעמט עס נישט פון דארט. ער נעמט נישט פון דער רשות הרבים.

איך זאג דיר, עס איז דא א צינור. איך זאג דיר, עס איז דא א צינור. איך זאג דיר, עס איז דא א צינור.

נאך יומים מיט טייטש, עס איז נישטא קיין הנחה. ס'דארף נישט זיין נאך יומים. נסחאות קענען פעלן זאגן "מפני שעשה עקירה ברשות היחיד".

**ביאור: פאַרוואס ס'איז נישט קיין עקירה**

## Speaker 1:

שטעל דיר פאר ס'איז דא א צינור. ס'איז נישט קיין עקירה, ווייל ס'איז נישט נח. ווען ס'וואלט געווען נח, וואלט געהייסן עקירה. ס'קומט נישט אריין די נושא פון נח. ס'קומט אריין די נושא אז דער מענטש האט נישט געמאכט קיין איין עקירה. ער האט נישט געמאכט קיין עקירה, ווייל ער דארף נישט. אבער גראדע, אפילו ווען ער וואלט יא געדארפט, ווען ס'וואלט געהייסן נח, ווען אין די מינוט וואס ער נעמט עס אראפ פון דארט וואלט געהייסן עקירה, וואלט עס נישט... ווייל ער נעמט עס נישט פון דארט, ער נעמט עס נאכדעם.

## Speaker 2:

איך פארשטיי נישט וואס דו רעדסט. דא איז רשות היחיד, דא שטייט ער. ווי נעמט ער די מים פון דער רשות היחיד? דו האסט געזאגט אז ס'פליסט אויף דער רשות היחיד. ס'איז נעכטן געפליסט, וואס גייט מיר אן נעכטן?

יעצט, דער מענטש, ער איז נישט אין דער רשות היחיד, ער איז אויטסייד, יא? דא איז דא א צינור, יא? צוויי הונדערט צינור, ס'ענדיגט זיך די צינור, יעצט ער טאטשט עס, לאמיר שוין זאגן, אבער דא נעמט ער. אמת? ווי איז ער? וואו ענדיגט זיך די רשות היחיד? ווייז מיר. דא, יא? ער נעמט פון וואו? פון דער רשות היחיד אדער פון דער רשות הרבים?

## Speaker 1:

איי דאונט אנדערסטענד. פארשטייסטו בכלל וואס איך פרעג, אדער איך בין צעדרייט? חס ושלום.

**קלארשטעלונג: די הלכה פון כותל רשות הרבים**

## Speaker 2:

ניין, האסטו עפעס נישט געלערנט? לאמיר רעדן הלכה, יא? וואס טוט זיך ווען ס'קלעבט עפעס אויף א וואנט פון א רשות היחיד, און דער מענטש שטייט אין דער רשות הרבים, און עפעס ליגט אויף דער וואנט פון דער רשות היחיד, און ער נעמט עס פון דער רשות הרבים? דאס האבן זיי געלערנט בפירוש, דאס איז כותל רשות הרבים. די אנדערע זייט פון דער וואנט איז א רשות הרבים, נישט קיין רשות היחיד.

## Speaker 1:

ניין, ס'איז דאך דא אן הלכה צו נעמען אויב איז עס זיין וואנט.

## Speaker 2:

ניין, ס'איז נישט די וואנט פון דער רשות היחיד. חוץ פון דעם, די וואנט פון דער רשות היחיד איז דאך א רשות הרבים. די זענען מיר רבנן.

**חזרה צום צינור: אינסייד און אויטסייד**

## Speaker 1:

א צינור. פלעין א צינור, א פייפ וואסער. לאמיר זאגן די פייפ איז רשות היחיד. נאך די פייפ איז וואס? נאך די פייפ, וויבאלד די וואסער רינט, איז ער רינט ער שוין אין די רשות הרבים, ער ליגט שוין נישט אין די רשות היחיד.

דאס איז א פייפ, רבותי. דער שטח איז וואס? רשות היחיד, ווייל א פייפ איז א רשות היחיד. אינסייד די פייפ, אבער אויבנאויף האבן מיר געזאגט אז ס'ווענדט זיך וואס, אויב עפעס הענגט אויף די פייפ, אויב אויף די פייפ לייגט איינער עפעס ארויף. ס'הענגט נישט גארנישט, ס'פאלט ארויס, ס'איז שוין ארויסגעגאנגען.

אבער דאס איז א זאך לאמיר זאגן, ווענן דעם הייסט עס נישט ווי ס'ליגט אויף די פייפ, ווייל אויב ס'ליגט עפעס א דבר גוש אויף די פייפ און ער נעמט עס אראפ פון די פייפ, וואלט ער גענומען פון א רשות היחיד. ווען ס'איז אינסייד, איז עס קיינמאל נישט געווען אין די רשות היחיד. ס'האט נישט קיין רוחות דאס.

**דער עיקר ווארט: נשפך למעלה**

## Speaker 1:

אבער די עיקר ווארט וואס אונז איז נוגע דא איז, ווייל ווען ער נעמט ווען עפעס וואס ליגט אויף די פייפ... און דרך אגב, די הלכה וואס דו זאגסט יעצט, דו האסט יעצט געמאכט א נייע הלכה, אז עפעס הענגט אריין אין א רשות הרבים פון א רשות היחיד, הייסט עס אין די רשות היחיד. That's plainly not true. Plainly not true.

אבער יעצט ליגט עס שוין נישט אויף. ער נעמט נישט קיינמאל קיין וואסער וואס ליגט אויף די רשות היחיד. אלע וואסער וואס ער נעמט ליגט שוין אין די רשות הרבים. ס'ליגט נישט אויף.

## Speaker 2:

Exactly, דאס איז וואס איך זאג, ווייל די נשפך למעלה איז עס שוין אין די רשות הרבים.

## Speaker 1:

אקעי.

**צעמישונג און פרוסטראציע**

## Speaker 1:

אדער בין איך צודרייט, אדער פארשטיי איך נישט די הלכה, אדער מיינט נישט די הלכה דאס, ווייל איך פארשטיי נישט קיין איין ווארט. ס'איז דא די גאנצע הלכה פון נוגע וסמוך לשלושה, וואס גייט מיך אן די אלע זאכן? דו נעמסט צו, דו קומסט אריין, ביסטו נישט אין די רשות היחיד. דאס איז וואס ער זאגט אין טייל, און איך פארשטיי נישט. אפשר איז עס צוליב דעם טאקע נאר מדרבנן, אבער דער רמב"ם מאכט אן אנדערע reason פארוואס ס'איז נאר מדרבנן, און דאס פארשטיי איך נישט.

און ער ברענגט אז ס'איז דא אנדערע וואס זאגן אז ס'איז טאקע מדאורייתא אסור אין די צינור. I plainly don't understand. נגיעה, וואס איז ער טאקינג אבאוט? I plainly don't understand.

דו פרעגסט מיר, דער מענטש איז קיינמאל נישט געווען אין די רשות היחיד, זיי געזונט. זאגט ער, ס'זעט אויס... ער איז אבער עוקר א זאך פון וואס... ער איז נישט, ער טוט נישט גארנישט צו די וואסער אין די רשות היחיד! ער איז literally קולט. דו ווייסט וואס מיינט קולט? קולט מיינט איך כאפ. איך רוק נישט וואסער. און נגיעה וואלט מען עס אנגענומען. אפילו מיט נגיעה רוקסטו נישט וואסער. מיט נגיעה וואלט עס געווען אסור ווען נישט דער חידוש אז די וואסער איז לויט. וואלט עס געהייסן אז דו נעמסט עפעס וואס ליגט אויף די וואנט. אבער די יסוד איז, עס ליגט נישט אויף די וואנט. איז ממילא הייסט עס אז דו טוסט... ווען ער נעמט עפעס וואס ליגט אויף די וואנט וואלט ער געווען חייב, ווייל די וואנט איז א רשות היחיד.

**באשטעטיגונג: די יסוד פון רשות הרבים ביז די וואנט**

## Speaker 2:

דארף מען טשעקן דאס.

## Speaker 1:

דאס הייסט טשעקן? יעדער... יעדער... יעדער אינדרויסן פון א רשות היחיד איז א רשות הרבים.

## Speaker 2:

יא, אויב ס'איז א רשות הרבים, אוודאי.

## Speaker 1:

יעדער ווייסט אז רשות הרבים גייט ביז די וואנט ממש. אוודאי גייט עס ביז די וואנט ממש, דאס איז דאך די מחיצה. וואס רעדסטו? אוודאי גייט עס. ס'איז נישט קיין ספק.

## Speaker 2:

ניין, ניין, דו מאכסט א ספק.

## Speaker 1:

דאס איז נישט קיין ספק. אויב א מענטש האט א רשות היחיד, די וואנט וואס הענגט אויף די אנדערע זייט פון די וואנט הייסט די זאך אין רשות הרבים

לכל הדעות. ס'איז נישטא קיין שום שיטה וואס זאגט אנדערש, ס'איז נישטא קיין צד אופן וואס איז אנדערש. אוודאי נישט.

עפעס פאר סאם ריזען האבן די מענטשן געטראכט אז אפילו ס'איז נוגע, ער נעמט די וואסער פון אינסייד. איך פארשטיי נישט. אני לא מבין. איך ווייס נישט וואס צו זאגן, איך פארשטיי עס פשוט נישט. איך דארף מער קלארקייט אין די הלכה אז יעדע וואנט אינדרויסן פון די רשות היחיד איז אויטאמאטיש רשות הרבים. א וואנט, אלעמאל, אלעמאל. וואו האסטו געלערנט אנדערש?

#### משל פון אן עמוד ברשות הרבים

### Speaker 1:

פארוואס זאל עס זיין אנדערש ווי אן עמוד ברשות הרבים, אדער א... מיט אן עמוד ברשות הרבים? דו רעדסט פון די זייט. די גאנצע זאך איז א... אין רשות הרבים איז דא אן עמוד וואס איז עקסטער. די דאך איז די רשות היחיד, און די וואנט איז די רשות היחיד. אויף די זייט, אוודאי.

אלע רשויות אין שבת גייען נישט אין די הייעך. דאס הייסט, דאס שטעקט זיך שוין אריין אין די רשות הרבים? איך הענג עפעס אויף א הויז, און א הויז איז א רשות הרבים וואס איז א רשות היחיד? וואס? נישטא אזא זאך. אלעמאל איז עס אזוי. דא איז שוין רשות הרבים. ס'ווערט א נייע שם, ס'איז למעלה מעשרה ברשות הרבים, וואס איך ווייס נישט, אבער ס'איז זיכער רשות הרבים.

### Speaker 2:

איך פארשטיי נישט. דו זאגסט דאך אז ס'איז למעלה מעשרה.

### Speaker 1:

אקעי, איך פארשטיי נישט. איך פארשטיי נישט. איך פארשטיי נישט. אפשר דאס מיינט "לא נכון". ס'איז אסאך וויניגער, דאס איז וואס I don't understand.

#### דער בגדי ישע'ס קשיא

### Speaker 1:

פרעגט שוין דער הייליגער, זעסט, איך בין נישט דער ערשטער וואס האט געפרעגט די קשיא. דער בגדי ישע האט געפרעגט מיין קשיא. איך בין נישט משוגע, איך האב געהאפט אז איך בין נישט משוגע. אבער אלע אנדערע רבנים פארשטייען עפעס, I don't know, עפעס...

דו קענסט זאגן אז ס'איז טאקע טייטש "מנוע של מלכות", מ'מיינט ארץ ישראל. דאס איז די תירוץ. העלאו, אזא בעיסיק זאך, אלע רבנים רעדן דא, כולי עלמא, ס'מאכט סענס, עפעס איז ראנג. עפעס איז ראנג. שוין, ברוך השם האב איך זיך שוין אויפגערעגט אויף די רבנים היינט אויך. איך ווייס נישט.

### Speaker 2:

ווער איז דער בגדי ישע בכלל? דער בגדי ישע איז דער של"ה, ניין? דער של"ה איז עפעס... ווער איז דער בגדי ישע? געדענקסט?

### Speaker 1:

ניין. בגדי ישע, אויף וואס? וואו איז דער בגדי ישע? אין שולחן ערוך? בגדי ישע... איך ווייס נישט. עפעס א צדיק וואס מ'ברענגט. ער איז זיכער געווען א צדיק. אקעי. אקעי.

אקעי, סטאפ א מינוט. דער בגדי ישע איז א פירוש אויפן מגן אברהם, ס'איז א צדיק, ר' ישעיה ווינער. איך ווייס אז די פוסקים ברענגען אים. בסדר, אבער איך ווייס נישט וואס ס'איז. די משנה ברורה ברענגט אים, ווי דו זאגסט דאך, יא?

### Speaker 2:

יא, אזעלכע מענטשן.

### Speaker 1:

I don't know. אהם, לאמיר פרובירן צו גיין ווייטער.

#### מסקנא: דער פשט אין דעם ענין

### Speaker 1:

סאו, עניוועיס, ס'קען זיין אז דאס איז פשט, אז אונז לאנד בלייבט מען וואס יאגט אריין, אז ס'איז טאקע אן ענין פון די רבנים, וואס זיי זענען טאקע אזוי נוהג, אבער טאקע ווייל ס'איז נישט קיין דריסה, ס'איז נישט קיין הלכה, האט מען נישט געדארפט מאכן אן עקירה און שוין.

#### הלכה ד: זיז שלפני החלון

### Speaker 1:

יעצט איז אזוי, מיר דארפן לערנען וועגן א זיז. וואס טייטש א זיז? א זיז איז אזא שעלף בעיסיקלי, א שטיקל וואס שטעקט זיך ארויס פון די וואנט. אין פראנט פון די פענסטער מאכט זיך חסר, **זיז שלפני החלון יוצא בעוביו של סובב**, די שאלה איז, דער מענטש וואס שטייט אינדערהיים, צו ער מעג נוצן זיין ווינדאו סיל, פון די outside וואס ליגט אין די רשות הרבים.

איז אזוי, **אם עולה למעלה מעשרה טפחים, מותר להשתמש בה**, פארוואס? ווייל לכתחילה איז נישט איינער שולט אין רשות הרבים די פעיס, אלא עד עשרה טפחים. סא, די פשט איז, וויבאלד מותר להשתמש בה, **כל הקומה עד עשרה טפחים**, א מענטש וואוינט אין א הויז נעבן רשות הרבים, אפילו ס'שטעקט זיך ארויס אין רשות הרבים, ווי לאנג ס'איז העכער ווי צען טפחים, העכער ווי צען טפחים איז שוין נישט קיין רשות הרבים, מעג ער

#### הלכות זיזין וגזירות שונות על הוצאה

##### צוויי זיזין איינער אויף דעם אנדערן

אבער מה שאין כן למטה, צו דאס קען זיין א הלכה למעשה, אויב א מענטש האט עפעס וואס שטייט ארויס פון זיין פענסטער, איז למעלה מעשרה איז נישט קיין פראבלעם, למטה מעשרה מוז מען זען, ס'איז דא אופן וואס איז אפשר מער קאמפליקירט.

מדובר במקום שיש לו שני זיזין, ס'איז דא צוויי זיזין, אדער אפילו שני למעלה מעשרה, איז דא א פראבלעם, ווייל איין זיז קען ווערן א רשות וואס בלאקט די נעקסטע.

**אם יש בו זיז העליון, יש לפניו חלון, או על גביו, אסור להשתמש בו. פארוואס? מפני שהיא רשות בפני עצמה.**

דהיינו, א זיז וואס איז ד' על ד' טפחים איז דאך א רשות, יעדע זאך פון ד' על ד' איז א רשות, סאו ס'ווערט נישט בטל פאר די רשות היחיד אדער פאר די רשות הרבים, ס'איז א פריוואטע זאך, ווייל ער איז נישט קיין רשות הרבים ווייל רשות הרבים איז נישט דא, און ער איז אויך נישט קיין רשות היחיד. סאו וואס איז ער? עפעס א נייע זאך, איז א אייגענע רשות היחיד. ס'איז נישט קיין רשות היחיד ווייל ס'איז נישט גבוה עשרה, ס'האט נישט קיין מחיצות, וואס איז ער עקזעקטלי? עפעס א נייע מאדנע זאך. ס'איז א רשות לעצמו עפעס, אקעי.

אבער די חכמים אסרן, דאס איז אסור מדרבנן, די חכמים לאזן נישט נוצן אויב ס'האט, דער אויבערשטער האט פיר טפחים, וואס מיינט שתי רשויות בפני עצמן, און די אונטערשטע האט א רשות אחרת, ס'איז אן עקסטערע זאך. **ואסרו זה על זה, שאין שתי רשויות משתמשות ברשות אחת.** ס'איז דא אזוי ווי אין שני מלכים משתמשים בכתר אחד, אין שתי רשויות משתמשות ברשות אחת.

ס'איז באלד אז דער אויבערשטער איז א רשות בפני עצמו, און דער אונטערשטער איז אן עקסטערע רשות, וועלכע רשות, איי דאנט נאו, איז ממילא קען מען נישטביידע נוצן, ווייל ס'איז צוויי אנדערע זאכן.

**Speaker 2:** יא, ביידע נישט.

**Speaker 1:** זה על זה אסרי, ס'ווערט אזוי ווי, די חכמים האבן מורא, ס'זאל אויסזען ווי מ'נוצט, מ'טראגט פון רשות היחיד צו רשות היחיד, שבת, שבת, שבת, נישט קיין חילוק. צוויי רשויות. שבת איז א זאך וואס יעדער

איינער בלייבט אין איין רשות, מ'מישט נישט רשויות שבת, דאס איז די ווארט, שבת מישט מען זיך נישט.

**דיסקוסיע: פארוואס נישט לאזן נוצן איינס?**

**Speaker 2:** פארוואס זאל מען נישט זאגן אז עט ליעסט מען קען נוצן איינס?

**Speaker 1:** ווייל וועלכע? אפשר וועט מען זיך טועה זיין וועלכע מ'מעג נוצן.

**Speaker 2:** שוין, אין מיינע יארן האט מען געזאגטביידע לחומרא עד שיבוא אליהו.

**Speaker 1:** ניין, ס'דארף זיין א למדנ'ישע טעם, ווייל עפעס ענליך, יא. לאמיר זען.

**ווען ביידע האבן נישט קיין עירוב**

**ואין בעליון עירוב ואין בתחתון עירוב, אויב ביידע האבן נישט, העליון משתמש בשניהם,** ווייל ס'ווערט נישט קיין רשות, ס'איז נישט קיין פראבלעם, ביידע זענען גארנישט, און א מקום הפטור כולי בעצם, לכתחילה. אזוי זענען זיי בטל צו די רשות היחיד פון וואו ס'שטעקט זיך ארויס. די הלכה איז דאך אז א מקום הפטור, אפילו ווען ס'איז נישט, איז א מקום הפטור, אזוי קומט לכתחילה אויס.

**ווען דער תחתון האט עירוב**

**היה בתחתון עירוב ועליון אין בו עירוב,** דעמאלטס איז איינער משתמש, **העליון אינו משתמש אלא כנגד חלונו בלבד,** און דער עליון טאר נאר נוצן כנגד חלונו, קעגן דעם מענטש'ס פענסטער וואס שטעקט זיך ארויס דארט. **אבל בשאר הרשות שבשני צדי החלון,** יא, **אסור להשתמש, וזה של תחתון יש לו רשות לעצמו.**

דאס הייסט, אויב ביידע האבן רשויות לעצמן, די רשות גייט דאך אן עד התהום, דעמאלטס שטערן זיי איינער דעם צווייטן, מען קען נישט. אבער טאמער נאר די אונטערשטע... אה, פשט איז ביידע זענען אין די אונטערשטע רשות, ווייל רשות היחיד איז עולה. סא, מעג ער נוצן די עליה נאר קעגן זיין אייגענע חלון, וואס דארט איז ער עפעס אן עקסטערע, א דריטע... איך ווייס נישט פונקט, נישט קיין רשות.

**דיסקוסיע: פארוואס איז דער חילוק?**

**Speaker 2:** סא פארוואס... אבער אין די זייטן וואס איז נישט דא קיין פענסטער, טאר ער נישט. פארוואס איז דער חילוק? וואס איז די סאנד?

**Speaker 1:** נו, איך פארשטיי פון וואס מ'רעדט, און פארוואס? די חלק וואס איז נישט קעגן די חלון... אה, סא אזוי ווי דו האסט געזאגט. אזוי טייטשט דער צדיק, אז אויב ס'איז דא א ווייניגער ווי ד' טפחים, ווערט עס אזוי ווי בטל פאר די חלון. סא, אבער די פארט וואס איז נישט ביי די חלון, ווערט נישט בטל. סא ער ווערט פארט פון די אונטערשטע רשות, און דעמאלטס איז עס אסור.

**Speaker 2:** פארוואס איז עס אסור?

**Speaker 1:** ווייל ער איז יא א נייע זאך, און ס'איז די שתי רשויות. ער ברענגט עפעס א פירוש אז שתי רשויות איז אזוויי... אזוויי די דין פון וואס מ'דארף מאכן אן עירוב. וואס צוויי רשויות וואס זענען אין איין... אפשר, יא, אפשר איך טראכט אז אן עירוב איז דאך שייך.

**Speaker 2:** אבער עירוב געווענליך איז צוויי מענטשן, און א מענטש איז דאך די זעלבע זאך, ער באלאנגט פאר אים. אפשר איז צוויי מענטשן טאקע, קען מען נישט מאכן קיין עירוב?

**Speaker 1:** און אויף מען מאכט אן עירוב ווי ביידע... נישט אונזער עירוב, יא, ער רעדט פון עירובי חצירות. אויב איז דא א גרעסערע עירוב צווישן די צוויי הייזער, לאמיר זאגן אז ס'איז איין שטאק און די אנדערע איז אונטן שטאק, וואס העלפט עס? כדי צו זיין אן עירוב, דארפסטו זיין אט ליעסט א רשות, דארפסט האבן א מחיצה קודם. און דא רעדט מען אז ס'איז נישט דא קיין מחיצה, סא איך ווייס נישט צו ס'גייט העלפן. ווייל ס'איז נאך אלץ צוויי עקסטערע אזוויי רשויות בבחינת מחיצות.

אקעי, אינטערסאנטע אזוויי זייער קליינע פרטים וואס מ'דארף כאפן. די הלכה איז מער ווייניגער קלאר. פארוואס פונקטליך איז עס אזוי איז אביסל שווער צו פארשטיין, אבער די הלכה איז קלאר. איין זיז, א קליינע זיז, אפילו א גרויסע זיז, מותר. צוויי זיזין, גרויסע, שטערן. איינס גרויס, די אויבערשטע איז גרויס, שטערט ביידע. די אונטערשטע איז גרויס, שטערט נאר פאר די אויבערשטע קעגן אים, נישט קעגן זיין אייגענע חלון. אקעי. עד כאן הלכה של זיז.

**גזירה ביי זיז — כלי חרס**

יעצט גייען מיר לערנען אזוי. **כל זיז,** יעצט אבער דא א גזירה. אזוי ווי מיר האבן געלערנט פריער אז זאכן וואס מ'איז חושש אז מ'גייט זיך בארירן איז מען גוזר, אויך ביי די זיז איז דא אזא גזירה.

**"כל זיז היוצא על רשות הרבים, שמתיר להשתמש בו, כשמשתמש בו, אין נוטלין ממנו ואין נותנין עליו, אלא כלי חרס וכיוצא בהן, שמא יפלו ברשות הרבים וישברו".**

מ'טאר נישט לייגן דארט פרעדזשיל כלים, זאכן וואס פאלן אראפ און צעברעכן זיך. ווייל דעמאלטס איז עס צעבראכן, וואס איז די חילוק? איז עס צעבראכן, מ'גייט נישט טון, מ'גייט מאכן א דעקארעישאן פון די צעבראכענע אזאך. איז אסור, **"שמא יפלו ברשות הרבים ויבואו".**

דאס הייסט, וויבאלד דאס איז עפעס א דעינדזשערעס ספעיס, דאס איז עפעס א לעדזש וואס ליגט העכער די גאס, גיי ווייס, ס'קומט א ווינט, ס'פאלט אראפ, טאר מען נישט לייגן דארט זאכן וואס ס'קען זיין א חשש אז זיי גייען אראפפאלן.

**Speaker 2:** ניין, נישט מ'טאר בכלל נישט ארויסלייגן. די טראגן וואס דו זאגסט אז מ'מעג משתמש זיין, טראגן פון אינעווייניג צו אינדרויסן.

**Speaker 1:** ניין, ניין, ניין. ס'מעג ליגן דארט נאר טייערע כלים, נישט די וואס דו רעדסט. ענליך צו די כלים נאים וואס מ'האט געזאגט ביים טרינקען. ס'איז די זעלבע סארט גזירה.

זאגט די רמ"א, דאס איז נאר ביי א קליינע זיז. א גאנצע דאך, איז נישטא די חשש ווייל ס'וועט נישט פאלן. א זיז איז א קליינע זאך, ס'קען פאלן. איך ברענג דאס נאר צו מסביר זיין וואס איז די חשש, ווייל ס'איז א קליינע זאך, ס'קען אראפפאלן. אז דאס פאלן מאכט סענס, ס'איז א פלאץ וואו ס'שטימט. אקעי.

**שני בתים משני צדי רשות הרבים — ווארפן למעלה מעשרה**

יעצט, די נעקסטע הלכה האט נישט מיט א זיז. ס'איז אן ענליכע הלכה, אבער ס'איז ווייטער א זאך וואס אמאל זענען מיר פארהאן וואס מ'איז גוזר שמא יבואו.

**"שני בתים שני צדי רשות הרבים".** דו האסט צוויי הייזער, איין רשות היחיד, צוויי זייטן פון רשות הרבים, לאמיר שוין זאגן זיי האבן געמאכט א עירוב, אדער ס'איז די אייגענע הויז. **זורק מזה לזה למעלה מעשרה,** מ'רעדט מ'ווארפט איינער צום צווייטן, כל זמן וואס מ'ווארפט למעלה מעשרה, ווייל למעלה מעשרה איז דאך א מקום פטור, און מיר האבן געלערנט אז מ'מעג... האבן מיר געלערנט אז מ'מעג? האבן מיר נישט געהעריג געלערנט. אבער ס'קוקט אויס אז מ'מעג ווארפן פון רשות היחיד צו רשות היחיד דורך מקום פטור. דאס איז די הלכה.

דאס הייסט, **והוא שיהיו שניהם שלו,** וואס איז די זעלבע רשות היחיד, די זעלבע מענטש, **או שעירבו ביניהם,** ווייל מ'רעדט פון א איסור דרבנן פון טראגן פון רשות היחיד צו רשות היחיד וואס האבן נישט קיין עירוב.

**דיסקוסיע: פארוואס דארף מען "שניהם שלו"?**

**Speaker 2:** ווארט נאכאמאל, שניהם שלו פעלט אויס פארוואס? ס'בלייבט נישט די זעלבע רשות היחיד אויב צוויי מענטשן האבן עס? איז עס צוויי אנדערע רשויות היחיד?

**Speaker 1:** אה, מדרבנן דארף מען א עירוב, נישט די נושא פון טלטול.

**Speaker 2:** אה, או שעירבו ביניהם, אה, אה. וועגן דעם זאגט ער או שעירבו ביניהם.

**Speaker 1:** יא, דאס איז דאך שוין צוליב די גאנצע ענין פון עירוב.

**Speaker 2:** יא, אבער ער וויל דא זאגן מותר לכתחילה, מוז ער זאגן אויך די זאכן וואס די תנאים, דו ביסט גערעכט, ס'איז אן עמלות'דיגע פרט.

#### וועגן ביידע זענען בשוה

**ואם היו אפילו בגדים וכלי מתכות, מותר לזרוק**, אפילו זאכן וואס גייען זיך נישט צוברעכן, ווייל דא איז נישט דא די גזירה, ווייל אזא סארט זאך געוועגליך א מענטש קען אים ווארפן גוט, מ'האט נישט מורא ס'וועט אראפפאלן פאר סאם ריזען.

#### ווען איינס איז העכער פון דעם אנדערן

**ואם היה זה למעלה מזה ולא בשוה**, אבער אויב איין הויז איז נישט די זעלבע הויך ווי די פריערדיגע הויז, ווי די אנדערע זייט, דעמאלט איז עס שווערער צו ווארפן פונקטלעך ס'זאל זיין למעלה מעשרה און אנקומען, **אסור לזרוק בהם כיוצא בהם, שמא יפול ויביאנו**, ווייטער די גזירה שמא יביאנו. **אבל כלי חרס וכיוצא בו זורק**, ווייל אויב ס'וועט זיך צוברעכן וועט ער נישט אנווערן וואס צו טון, אזוויי די פריערדיגע הלכה.

**Speaker 2:** יא.

#### סיכום

**Speaker 1:** שוין, עד כאן איז די הלכות פון זיזין, אדער פון, בקיצור, פון פארשידענע אופנים וואס ס'איז דא א גזירה, דאס האט נאך א גזירה באמת, די נושא פון די שתי רשויות משתמשין, אבער אויך איז דא די נושא פון, לכאורה דאס וואס דער רמב"ם ברענגט דא אריין, די אופנים וואס מ'טאר נישט הוטל א מותר, ווייל מ'האט מורא ס'וועט אראפפאלן, און ווייל ס'איז אביסל אן אנדערע רשות, און אין א געוויסע זין האט מען מורא אז ס'וועט אראפפאלן און ער וועט עס טון הוצאה וכדומה. שטימט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אקעי. גייען ווייטער?

**Speaker 2:** יא, נאך אביסל.

**Speaker 1:** סאו יעצט קען מען לערנען די אלע הלכות בעסער.

### הלכות שבת – פרק ט"ו: בור ברשות הרבים, אשפה, ואמת המים

#### המשך הלימוד

**Speaker 1:** שטימט?

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אקעי. גייען ווייטער?

**Speaker 2:** יא, נאך אביסל.

#### בור ברשות הרבים וחלון על גביו

**Speaker 1:** סא, יעצט גייט מען לערנען די אלע הלכות, די גאנצע פרק איז בעצם וועגן אופנים וויאזוי מ'טראגט אין איין רשות צו אן אנדערע. שטעלט זיך אזאך, ס'איז דא אין איין רשות, איז דא עפעס א זאך וואס מאכט עס א רשות לעצמו, אזא נישט ממש א רשות הרבים, נאר ס'איז דא א זיז וואס ווערט א רשות לעצמו, אדער ענליכע זאכן. רייט, בדרך אופן אזוי ווי א זיז, און ער טראגט נישט ווען ער שטייט אין יענע רשות, ווייל מ'שטייט נישט אין א זיז, ער טראגט ווען ער שטייט אין רשות היחיד. און דעמאלטס, דאס איז וואס איך מיין, דאס הייסט, אויב ער וואלט געשטאנען דער מענטש אין די זיז, ווייס איך נישט, אלעמאל די שאלה איז, עפעס שטייט אין די אנדערע רשות, און ער טראגט אין די רשות למעלה, און ווערט שאלות, אמאל מעג מען, אמאל מעג מען נישט.

סא יעצט איז דא א נייע זאך. א בור ברשות הרבים, ס'איז דא א בור, א בור וואסער, מים, אין רשות הרבים, וחלון על גבה, אבער זיין פענסטער איז העכער דעם, סא ער קען ארויסשטעקן זיין קאפ און שואב זיין מים פון די בור. איז די הלכה אזוי, **הבור וחולייתה מצטרפין**, אז די בור און די חוליא פון די בור, דאס הייסט די חוליא פון די בור, ארום די בור איז דא אזא טעל, אזא אויסגעגראבענע גרוב, די חוליא וואס ליגט אין די גרוב, **מצטרפין לעשרה**, דאס הייסט, אויב צוזאמען די גרוב מיט די אזוויי געיט כלי, איך ווייס נישט פונקטליך וויאזוי ס'הייסט, ס'הייסט א חוליא, אקעי, **מצטרפין לעשרה, וממלא הימנו בשבת.** דאס הייסט, ווי לאנג דו ביסט אין די רשות היחיד, מעג מען ממלא זיין. דו גייסט פון איין רשות היחיד צו אן אנדערע רשות היחיד. דו ביסט אין די זעלבע רשות היחיד, ווייט, אקעי, אין די זעלבע.

#### דיון: וויאזוי מעג מען נעמען צו די נעקסטע רשות היחיד?

**Speaker 2:** סא, אה, וויאזוי מעג מען נעמען צו די נעקסטע רשות היחיד? אויך מיט א עירוב?

**Speaker 1:** וואס מיט א עירוב? ס'קען זיין א עירוב צווישן צוויי רשות היחיד'ס. אבער דא די וואסער באר באלאנגט נישט פאר קיינעם, עס באלאנגט פאר יעדער. סאו אזוי ברענגט ער דא אז כלי נכנס לשם, סאו עס באלאנגט פאר דער איינציגסטער מענטש וואס קען עס נוצן, ווייל ער האט א פענסטער. סאו עס ווערט כלי שלו, קיינער קען עס נישט נוצן, סאו עס איז זיינס. אפילו עס באלאנגט נישט פאר אים, עס באלאנגט פאר רשות הרבים, אבער די רשות הרבים קען עס נישט נוצן עניוועי, זיי קענען נישט אריינקריכן אין דער רשות היחיד, אריינקריכן אין דער באר.

#### תנאי: סמוך לכותל

**Speaker 1:** **ומדברי רמב"ם משמע שהוא סמוך לכותל**, אבער הוא **גבוה ד' טפחים**, שאין אדם יחיד יכול לעבור שם ד' טפחים, און קיינער קען נישט אדורך גיין. ממילא וואס איז די פלאץ? די פלאץ איז אין א רשות הרבים, אבער די פלאץ אליין איז א רשות היחיד, און עס איז לעבן די רשות היחיד, און מען וואקט נישט אדורך צווישן די רשות היחיד און יענע באר. סאו דאס מאכט עס אז כלי שלו, עס באלאנגט פאר אים, ממילא קען מען זאגן אז עס איז נאך א רשות היחיד וואס ער מעג נעמען פון.

#### אבל אם הוא מופלג

**Speaker 1:** **אבל אם הוא מופלג**, אבער אויב עס איז אפגערוקט פון די רשות היחיד, **אינו ממלא ממנו**, דעמאלטס העלפט נישט אויב די באר מיט די חוליא צוזאמען ווערט אסורה. דעמאלטס מעג מען נאר רעדן, קען נאר די חוליא זאל ווערן אסורה, דעמאלטס נאר אויב די חוליא ארום, די זאמד ארום די באר איז גענוג הויעך אסורה.

פארוואס? ער נעמט צו א דלי, ער שיט עס פון די חוליא, ער ווארפט עס אין א מקום פטור. פארוואס איז עס א מקום פטור? דאס הייסט אויב ער גייט גיין נאך העכער. די חשש איז אז אויב מען קען גיין נישט נאר פון די חוליא, מען קען סתם שטיין אין רשות הרבים, גייט ער אויפנעמען די דלי, און נאכדעם שטייט ער דער מענטש אין רשות הרבים. אויב ער רוקט נאר אביסל די דלי, ליגט ער עס געהעריג פון רשות היחיד צו רשות הרבים, רייט?

אבער וואס זאל דאס צו טון צו ס'איז אדם יחיד יכול לעבור שם? אז דעמאלטס קען מען טראגן פון רשות הרבים דערצו. אויב אבער קיינער קען נישט אדורך גיין, די איינציגסטע וואס גייט נעמען פון דעם באר איז דער מענטש וואס שטייט שוין אין די אנדערע רשות היחיד, וואס דעמאלטס איז נאר א פראבלעם פון עירוב, און יענע פראבלעם האבן מיר נישט.

אבער אויב דו קענסט שטיין אין רשות הרבים, בעיסיקלי, פארגעסט מען די גאנצע מענטש. ס'איז דא א באר אין די רשות הרבים, און מען טראגט, מען פרעגט צו מען מעג שאפן פון דעם. ס'איז טעקניקלי א רשות היחיד. די פראבלעם איז אבער, די רגע וואס דו הייבסט עס אויף, דו שטעלסט זיך אין רשות הרבים, דו ברענגסט עס צו דיר, ביסטו מטלטל פון רשות היחיד צו רשות הרבים. אויב דו מאכסט צען טפחים העכער דאס, אפילו ער גייט אריבער די גאנצע צען טפחים, און מ'האלט שוין אין רשות הרבים, האבן שוין א מקום פטור, דעמאלט איז מותר. שטימט?

**אשפה ברשות הרבים וחלון על גבה**

**Speaker 1:** יעצט קען זיין פארקערט, נישט א משוך פון א בור וואס איז אין רשות הרבים אריין אין דעם מענטש'ס פענסטער, נאר פארקערט, מ'גיסט ארויס פון די פענסטער אין רשות הרבים. אשפה, אשפה מיינט וואס, א גארבידזש, איך ווייס נישט פונקט, אשפה כפשוטו. אין רשות הרבים... א פייל פון שמיץ אין רשות הרבים.

**Speaker 2:** אקעי, א פייל, א פייל, א פייל.

**Speaker 1:** ס'מוז זיין עפעס א רשות, דאס זאג איך. מ'גיסט, ס'איז א מים, ס'איז א בור בעיסיקלי, דאס זאג איך. ווייל אויב ס'איז סתם א פייל, דעמאלט דארף עס האבן גובה עשרה, וואס מאכט עס פאר א רשות לעצמו.

**Speaker 2:** אקעי, די גמרא זאגט אז ס'איז א רשות היחיד די אשפה.

**Speaker 1:** און **חלונו על גבה**, ווייטער, דער מענטש וואוינט מיט א פענסטער העכער עס, **שופך למים בשבת**, ער מעג אריינגיסן וואסער אין דעם אשפה פון שבת, ווייל ער גיסט פון רשות היחיד צו רשות היחיד. און ווייטער די זעלבע זאך, און ווייטער, דא איז נישט דא די טרחה פון פיר טפחים, איך ווייס נישט.

**אשפה של רבים vs. של יחיד**

**Speaker 1:** **אשפה של רבים שאין דרכן לפנותה**, סא ס'בלייבט דארט. **אבל של יחיד אין שופכין לתוכה**, פארוואס? **שמא תפנה, וימצא שופכין כדרכו ברשות הרבים.** של יחיד לאזט מען נישט דארט, סא עט סאם פוינט, איך ווייס נישט, דער מענטש אליינס אדער איינער קומט און ער גיסט עס אריין אין רשות הרבים.

**Speaker 2:** ניין, ער זאגט אנדערש, ער זאגט שמא תפנה, דער מענטש וועט עס אוועקנעמען, דער יחיד וואס מאכט א גארבידזש לאזט נישט דארט זיין גארבידזש, ס'איז נאר צייטווייליג. די פראבלעם איז, נעקסטע וואך וועלן זיי נישט וויסן אז ס'איז מער נישט דא קיין גארבידזש דארט, און זיי וועלן אריינגיסן, און ס'וועט זיין א געהעריגע רשות הרבים.

**Speaker 1:** איך מיין די ווארט איז לכאורה א לעדזשיטימעט אשפה ווערסעס אזא פריוואטע, סתם א יחיד האט זיך געמאכט אן אשפה.

**Speaker 2:** ס'איז דא פלעצער וואו דארטן גיסט מען אשפה, יא, דאס איז לכאורה די ווארט וואס ער זאגט.

**Speaker 1:** ער זאגט אז דאס איז א גזירה, אז וויבאלד ער האט געזאגט ספירעטיש, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז שוין נישט דארט קיין עופות, ער שטייט אין פענסטער, ער איז ווי המן'ס טאכטער, ער ווייסט נישט וואס ליגט אונטן, סאו ער גייט זיך טועה זיין, און מילא טאר מען נישט. אקעי.

זאל זיין גוט. אקעי.

**אמת המים שהיא עוברת בחצר**

**Speaker 1:** **אמת המים שהיא עוברת בחצר.**

**Speaker 2:** יא, אמת המים שהיא עוברת בחצר. א סטריעם פון וואסער, יא?

**Speaker 1:** אמה, וואס טייטש דאס ווארט אמה?

**Speaker 2:** אמת המים, ס'טייטש פון די ים פליסט ארויס א קליינע קאנאל פון וואסער, א קליינע סטריעם פון וואסער, און ס'שניידט דורך די חצר.

**Speaker 1:** א חצר איז א רשות היחיד וואס איז געווענליך ארומגענומען מיט ווענט, אבער דא איז דא עפעס וואס איז א פרצה, ס'רייסט דורך די חצר. איז אזוי, **אם יש בה גבוה עשרה טפחים, ורחבה ארבעה או יתר על כן עד עשר אמות, אין ממלאין הימנו בשבת**, קען מען נישט ממלא זיין דערפון בשבת, **מפני שהיא כפרצה במחיצה.** ס'ווערט אזוי ווי א פרצה אין די מחיצה. די ים אליין איז בחצר, א חצר איז א פלאץ וואס איז ארומגענומען מיט ווענט.

**דיון: פארוואס איז דאס א פרצה?**

**Speaker 2:** יא, אבער וואס קומט אריין עפעס ספיראטיש? ס'האט צוטון מיט שיעור כרמלית. מיר האבן געלערנט אין י"ד אז אויב א וואסער איז ווי כרמלית, אויב ס'איז דא פון שלשול...

**Speaker 1:** נאכאמאל, דאס איז א רשות היחיד, די חצר איז א רשות היחיד, יא?

**Speaker 2:** ניין, אויך די שיעור וואס ער זאגט יעצט, **וגבוה עשרה טפחים ורחבה ארבעה או יתר**, איז די שיעור וואס מאכט פון דעם געווענליך א רשות היחיד, אזוי ווי א רשות בפני עצמה. רייט. נאר וואס גייט אן אויב ס'איז א רשות...

**Speaker 1:** אבער ס'איז וואסער וואס קומט פון די כרמלית, יא? ס'איז א חלק פון די כרמלית. ס'איז ארויסגעגאנגען פון די וואסער, קומט די אמת המים. אמת המים איז נישט אזוי ווי א בור פון מי גשמים. אמת המים איז... יעצט, די נעקסטע פרק וועלן מיר לערנען אז מער ווי עשר אמות ווערט א בראנד פון די פרצה. אבער יעצט, ווען ס'איז נאכנישט... ער רעדט נישט אויף שוין קיין פרצה. ער רעדט אויף יתר על כן. סאו וואס איז די ענין? ווייל ס'ווערט אזוי ווי א חלק פון די כרמלית.

**Speaker 2:** וועלכע כרמלית?

**Speaker 1:** אמת המים קומט דאך פון די מים, וואס איז א כרמלית. אמת המים איז א שטיקל וואסער וואס קומט פון די ים אדער פון די נהר, וואס איז א כרמלית, און ס'קומט אריין אין דיין פעלד. אויב איז עס ממש א קליינטשיגע אמת המים, זאגט מען ס'איז גארנישט, ס'ווערט בטל צו די פעלד, אגב אז ס'קומט פון די כרמלית. אבער אויב איז עס א שטיקל שיעור אין די פעלד, אין די חצר, יא, אין די רשות היחיד, אויב איז עס אבער א שטיקל שיעור פון אמת המים, קוקט מען אן ווי די כרמלית קומט אריין אין דיין פעלד.

**Speaker 2:** אינטערעסאנט. אקעי.

**Speaker 1:** איז **אין ממלאין ממנה בשבת**, ווייל ס'וואלט געהייסן טראגן פון א כרמלית. כ'האב געמיינט אז ס'וואלט געהייסן מעיקר הדין, אדער ס'איז ענליך, ס'איז א חומרא, ס'איז א עיקר הדין, ווייס איך נישט. איך דארף קוקן אין די מפרשים. מען קוקט עס אן ווי ער נעמט יעצט ארויס פון א כרמלית צו א רשות היחיד.

**Speaker 2:** אה, די גאנצע כרמלית איז... It doesn't matter. די גאנצע וואסער איז א כרמלית, און אויך די אמת המים וואס קומט ארויס דערפון.

**Speaker 1:** לאמיר זיין קלאר, ס'איז נישט קיין חילוק. כרמלית איז לכתחילה דרבנן, סאו **אין ממלאין ממנה** איז טייטש **אין ממלאין ממנה מדרבנן**. יא, נישט חייב. ס'וועט זיכער נישט זיין חייב, אפי' כרשות הרבים איז עס זיכער נישט.

**די עצה: מחיצה בכניסתו וביציאתו**

**Speaker 1:** וואס איז די עצה? אויב איז עס קלענער, נאכאמאל, אויב איז עס קלענער ווי עשרה אין רוחב ארבעה, וואלט מען געזאגט ס'איז בטל צו די רשות היחיד, וואלט עס געווען אזוי ווי א פאדל אין א רשות היחיד. אבער אויב איז עס גענוג חשוב, קוקט מען עס אן ווי ס'איז א כרמלית וואס גייט אריין אין רשות היחיד. איז וואס טוט מען? וויאזוי איז מען מתיר א כרמלית אין רשות היחיד? מען מאכט א **מחיצה גבוהה עשרה בכניסתו וביציאתו.** בכניסתו וביציאתו מיינט פון וואו די אמה קומט אריין און וואו די אמה ענדיגט זיך, וואו ער גייט אריין און ארויס פון די חצר. גארנישט, דעמאלטס איז עס פארמאכט, דעמאלטס איז עס פארט פון דיין חצר. דעמאלטס קוקט מען עס אן ווי ס'איז אפגעטיילט פון די איבעריגע כרמלית, ס'איז א חלק פון דיין חצר, מעג מען יא שוין ארויסנעמען פון דארטן וואסער.

**ואם אין בגובהה עשרה**

**Speaker 1:** **ואם אין בגובהה עשרה**, אבער אויב איז נישט די אמה נישט טיף עשרה. אינטערעסאנט, ער זאגט בגובהה, מ'רעדט זיך דא בעומק, יא?

**Speaker 2:** איך קען הערן.

**Speaker 1:** ס'טייטש, ווען איינער שטייט אין די פלאר פון די אמה, איז עס ווי הויך ס'איז. אבער ס'מיינט עומק, ס'טייטש ווען איינער שטייט אויבן, קוקט ער אראפ ווי עומק. אפשר איז עס ארויפגעבויט מיט אזוי ווי מיר האבן געלערנט פריער, מיט א גרויסע פייפ. נישט א פייפ, אזא וואטעווער, אזא מחיצה. יא, אקעי.

אבער מחיצות גובה עשרה ורוחב ארבעה, דעמאלטס הייסט עס נישט ווי א כרמלית וואס קומט אריין אין רשות היחיד, עס איז **ממולא ממנו בלא מחיצה**.

#### אמת המים שעוברת בחצר — המשך דינים

#### רוחב יותר מעשר אמות — דין פרצה

### Speaker 1:

איז דער טייטש, איך קען הערן, דער טייטש איז, ווען איינער שטייט אין די פלאר פון די אמה איז עס ווי הויך ס'איז, אבער ס'מיינט בעומק. ס'איז אזוי ווי איינער וואס שטייט אויבן קוקט עס אראפ ווי עומק. אפשר איז עס ארויפגעבויט אזוויי מיר האבן געלערנט פריער מיט אזא גרויסע פייפ, נישט א פייפ, אזא... וואטעווער, אזא מחיצה. יא, אקעי. אבער **אין גובהה עשרה, או שהיא רחבה הרבה**, דעמאלטס הייסט עס נישט ווי א כרמלית וואס קומט אריין אין רשות היחיד, ס'איז **ממלאין הימנו בלא מחיצה**.

זייער גוט. אבער **אויב איז רחבה יותר מעשר אמות**, אויב איז די אמת המים אסאך ברייט, ס'איז עשר אמות, דעמאלטס איז דא אן אנדערע פראבלעם, אזוויי דו האסט געזאגט, אז דעמאלטס איז די פראבלעם אז ס'איז מבטל די ווענט פון די חצר. דו האסט געמאכט א... פארוואס איז עס א חצר? ווייל ס'איז מיט ווענט ארומגענומען. אבער אויב איז דא אזא גרויסע פרצה אין די חצר... באלד וועלן מיר זען וועגן די חצר, קודם לאמיר זען וועגן די אמת המים אליין.

אקעי, **אויב איז רחבה יותר מעשר אמות**, אויב די ברייט פון די אמת המים איז מער ווי צען אמות, **אפילו אין גובהה עשרה, אין ממלאין הימנו עד שיעשה לה מחיצה**, קען מען נישט ארויסשעפן וואסער פון די אמת המים ביז מ'מאכט א מחיצה. פארוואס? **שכל יותר על עשר פרצה היא**, די הלכה איז אז יעדע זאך וואס איז גרעסער ווי צען אמות איז א פרצה אין די ווענט פון די חצר, **ומפסדת את המחיצות**, ס'איז מפסדת די מחיצות.

#### צוויי באזונדערע פראבלעמען

### Speaker 1:

סאו פרעגט זיך די רמב"ם גלייך, אויב אזוי איז דאך די פראבלעם גרעסער ווי די אמת המים אליין. נישט נאר די פראבלעם צו מ'מעג ארויסשעפן פון די אמת המים, יעצט איז די שאלה אויב די גאנצע חצר ווערט יעצט בטל. זייער גוט, אבער לאמיר קודם פארשטיין וואס איז די הלכה פון די אמת המים אליין.

אמת, ס'הייבט אן מיט "מטלטלין כלי לפנים", איז די חידוש פון די רחבה עשרה איז נאר אז דעמאלטס, אפילו ווען ס'איז נישט מער ווי צען טפחים, דאס הייסט ס'וואלט נישט געווען, מ'וואלט נישט געזאגט אז ס'איז א רשות לעצמה בתוך החצר, און מכל מקום, יעצט די פרצה איז מבטל, און ממילא די גאנצע זאך הייסט נאך אלץ א כרמלית, און ס'האט די זעלבע פראבלעם וואס מיר האבן גערעדט פריער ווען ס'איז יא א רשות לעצמה.

יעצט בלייבט אבער א פראבלעם, אזוויי דו האסט געזאגט, מיט די גאנצע חצר אליין. יעצט נאכאמאל, די פראבלעם איז נישט נאר אז די וואסער איז א כרמלית, און אפשר די גאנצע פעלד דארף יעצט ווערן נפרץ צו א כרמלית. די גאנצע חצר איז יעצט אזוויי פרוץ צו א כרמלית. אבער אויף דעם וועלן מיר זען אז ס'איז דא מער א קולא. ס'איז נישט די זעלבע זאך.

וואס איז די דין? **וויאזוי מעג מען מטלטל זיין בכל החצר?** אויב זאגסטו אז די פרצה, די יתר על עשר אמות איז א פרצה, דאס מאכט שלעכט די מחיצה, וויאזוי מעג מען מטלטל זיין אין די חצר?

#### דין פס מכאן ופס מכאן

### Speaker 2:

די ערשטע הלכה האט געזאגט אז די פרצה מאכט שלעכט די מחיצה אין די סענס אז יעצט איז דעי שטיקל א המשך פון די כרמלית. יעצט קען מען לערנען...

### Speaker 1:

יא. איז אזוי. איז אזוי, וויאזוי מעג מען? די לשון איז "מאי"? וויאזוי מעג מען? וואס קען מען טון וועגן די ענין פון די פרצה?

איז אזוי, **אם נשתייר בצד הפרצה**, אויב ביי די זייט ווי די אמת המים ברעכט אדורך די ווענט פון די חצר, אויב איז אבער געבליבן בצד הפרצה, **פס מכאן ופס מכאן כל שהוא**, ס'איז נישט סתם א דורכגעבראכענע, נאר ס'איז געמאכט פס מענט א שטיקל, א... נאכאמאל, ס'איז נאך אלץ דא פס מכאן ומכאן, אזוויי ס'איז אויסגעקוקט ווי א טיר אזא, יא? ס'זעט אויס ווי מ'האט געמאכט דארטן אן עפענונג. ס'איז נישט סתם א פרצה, נאר מ'האט עס געמאכט ווי אן עפענונג.

#### דיסקוסיע: וואס איז א פס?

### Speaker 2:

אויב איך פארשטיי, "פס" איז ליטעראלי מיינט אז ס'איז געבליבן עפעס. די חצר איז פשוט דא ווענט פון אלע דריי זייטן, רייט? אויף די זייט איז נאך דא עפעס פון ביידע זייטן פון די אמה. ס'איז נישט פשוט אז ס'איז געווארן אויס די וואנט פון די זייט, און ס'איז נאר דא די אמת המים. ס'איז דא עפעס א פס, פארט פון די וואנט וואס איז געבליבן אזוי, און פארט איז געבליבן אזוי. נישט מער פון דעם.

### Speaker 1:

איך מיין אז אפשר דיווארט איז אז עשר אמות הייסט טאקע א פרצה, אבער אויב ס'האט א צורת הפתח, קוקט מען עס אן ווי א גרויסע טיר. דא איז נישט קיין צורת הפתח, אבער עפעס ענליך צו דעם, אז וויבאלד ס'האט עפעס א געוויסע צורה... א פס, ס'האט א העקער. אבער איך וויל זאגן, עפעס ווען א וואנט איז דורכגעבראכן, קוקט מען עס אן ווי ס'איז מער נישט דא קיין וואנט. אבער אויב ס'איז געבויט אויף א וועג אז מ'זעט אז דא איז אפן די וואנט, און ס'איז געמאכט שיין, זעט מען אז ס'איז נישט סתם א פרצה וואס האט צעבראכן א וואנט.

דאס איז א ספעציעלע הלכה פאר די קעיס פון די אמת המים, און איך נעם אן אז דארט איז געווען די אמת המים. אבער די פס... מיינט נישט אז מ'דארף צובויען עפעס ספעציעל. איך זאג, ס'מיינט אז ס'איז געבליבן פון די וואנט עפעס. אדער די צווייטע זייט איז דא נאך אן אפציע, דעמאלטס איז יא אזוי מער אזוי ווי א היכר.

דו ביסט גערעכט אז ס'איז וועגן ס'זעט אויס. ס'איז די ענליכע זאך, אזוויי א צורת הפתח ראטעוועט א פרצה, דארף זאך דא די פס ראטעווען די פרצה. ס'איז צו צומישן זאכן, ווייל איך מיט זייעכט מיט זייעכט. ס'איז דא א כלל, אז א צען אמות איז פורץ המחיצה, אזוי אבער עס איז אויך דא א כלל אז ווען ס'האט עפעס א געוויסע צורה, אמאל איז א צורת הפתח, דא איז עפעס א צורה און מען זעט אז מען האט דא געעפנט אין די וואנט. ס'איז נישט ווי א פרצה, נאר ס'איז ווי א וואנט וואס האט אן עפענונג. אזוויי א גרויסע טיר הרג'עט נישט די וואנט.

#### דין פס רחב ארבעה טפחים

### Speaker 1:

**אויב פס רחב ארבעה טפחים מרוח אחת**, איין זייט פון וואו די אמת המים קומט אריין, האט מען געמאכט א פס, האט מען געלייגט א שטיק האלץ, רחב ארבעה טפחים, **מותר לטלטל בכל החצר**. אפילו אז פון די אנדערע זייט איז

אינגאנצן אפן, אויב ביידע זייטן דארפן נישט זיין פיר טפחים, ס'איז גענוג, עניטינג, עפעס א שטיקל איז נאך געבליבן פון די וואנט, איז שוין גוט. אויב ס'איז אינגאנצן יא, דעמאלטס דארפן לייגן פיר טפחים, וואס דעמאלטס ווערט אזוי ווי א שטיקל מער היכר.

יא, איז **מותר לטלטל בכל החצר**, ס'איז די פרצה, ס'איז מער נישט קיין פרצה וואס איז מבטל א מחיצה, אבער ס'העלפט אבער נישט פאר די פראבלעם אז די וואסער אליין איז א כרמלית וואס לויפט דורך אין די פעלד, **ואין אוסר אלא מים המונחים בלבד**. פון די אמת המים טאר מען ווייטער נישט ארויסנעמען קיין וואסער, ווייל זי הייסט יא א מחיצה. דער ווערט פריער געזאגט. דער פס העלפט נישט פאר די וואסער. דער פס העלפט נאר אז די פרצה זאל נישט מבטל זיין די מחיצות.

**אבל אם אין שם פס כלל**, אז עס איז **אסור לטלטל בכל החצר**, טאר מען נישט מטלטל זיין אין די גאנצע חצר. **שהרי נפרצה חצר לים, שהוא כרמלית**. די חצר ווערט נפרץ צו די אמת המים, וואס איז א חלק פון די ים, וואס איז א כרמלית. יא, מ'מיינט נישט דווקא אן אוישן. יא, יא, מיינט א וואסער. יא.

#### מחיצה ביי די וואסער – דין מחיצה תלויה

## Speaker 1:

איז יעצט קען מען לערנען אז די מחיצה איז דא א געוויסע קולא. ס'איז, מ'מאכט א מחיצה, פשוט מ'גייט פארמאכן די וואסער, די וואסער גייט נישט אלץ קומען. זאל מ'דארף זען וויאזוי מ'מאכט די מחיצה, א שורה וואס מ'דארף מאכן, מטה צו זיין, מיטצוהאלטן, זאל מען לאזן די מים, וויאזוי מאכט מען עס? יא? יא, איז אזוי. אה, ס'איז דא דא א פראבלעם פון וויאזוי מאכט מען די מחיצה ביי די וואסער.

#### דיסקוסיע: וואו שטעלט מען די מחיצה?

## Speaker 2:

הייך מעמיד... ס'טייטש אזוי, די וואסער איז דאך טיף, יא? איז איין עצה איז דא מאכן די מחיצה אויבן אויף די וואנט, העכער אינגאנצן פון די וואסער, יא?

## Speaker 1:

אקעי, וויאזוי לייגט מען די מחיצה ארום די מים? אזויווי ביי די וואסער, יא, ביי די חלק פון די כרמלית. ארום די וואסער, דארט וואו ס'קומט אריין אין די חצר, רייט? יא.

#### מחיצה למעלה מן המים

## Speaker 1:

איז אזוי, **אם הוסיף למעלה מן המים**, אויב וויל מען שטעלן די מחיצה, מען וויל עס אויפהענגען העכער די וואסער, די וואסער איז טיף אראפ, מען וויל מאכן העכער, איז אבער נישט גענוג אז ס'איז סתם אויף די לעוועל, אויף די גראונד לעוועל פון העכער די וואסער, נאר מ'דארף זען אז די מחיצה איז פאר די וואסער, מ'דארף עס אביסל ארייננגיין אריין צו די וואסער. **צריך שיהא טפח מן המחיצה יורד בתוך המים**, ס'טייטש, די מחיצה קען זיין געבויט אויף די ערד, אבער ס'דארף זיין אראפגעגראבן אונטער צו די וואסער, איין טפח דערפון זאל זיין בתוך המים, ס'טייטש אונטער די קרקע לעוועל צו די מים לעוועל, יא, אין די וואסער, האוועוער די וואסער איז.

#### מחיצה בתוך המים

## Speaker 1:

**ואם היתה מחיצה כולה בתוך המים**, אויב מאכט מען, בוויעט מען די מחיצה אראפ אין די וואסער, איז דאס אויך נישט גענוג, **צריך שיהא טפח ממנה יוצא למעלה מן המים**. ווייל דעמאלטס וועט מען אויך נישט זען קלאר אז די מחיצה איז פאר די חצר, מ'וועט מיינען אז ס'איז א חלק פון די געבוי פון די וואסער אדער וואס. ס'דארף אויך ארויסקומען פון א טפח למעלה מן המים צו ווייזן אז די חצר, אז די מים איז אפגעטיילט פון די גאנצע חצר. **כדי שיהיו המים שבחצר מובדלים**, די שטיקל מחיצה וואס קומט ארויס ווייזט, איז מבדיל די מים פון די חצר, פון די מים וואס איז אינדרויסן פון די חצר, רייט? די פראבלעם דא איז אז א ים איז... אפטיילן פון די כרמלית פאר מיר אין חצר, איך מאך א מחיצה, סטאפ, דא הייבט זיך אן א נייע מעשה, א גאנץ די זעלבע מעשה הייבט זיך אן א רשות היחיד.

זאגט ער, די מים אליין וואס איז אין די חצר, אויב טיילט מען עס אפ פון די מים פון דרויסן, איז דאס א חלק פון די חצר. ס'איז נאר די פראבלעם וואס איז קאנעקטעד צו די גרעסערע כרמלית, און מיט די מחיצה טיילט מען עס אפ פון די גרעסערע כרמלית.

#### ביאור: מחיצה כולה בתוך המים

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, יא, ווען מ'זאגט מחיצה כולה בתוך המים, מיינט עס צו זאגן, לאמיר זאגן די מים איז צוואנציק טפחים הויך, זאלסטו נישט מאכן צען טפחים מחיצה דארט ערגעץ טיף אונטער די וואסער, קיינער גייט עס נישט זען, מ'דארף עס קענען זען. מ'דארף זען אז ס'איז מבדיל צווישן די חצר און די מים.

#### חידוש: מחיצה תלויה במים

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **ואף על פי שאין המחיצה מגעת עד הקרקע**, אפילו די מחיצה וואס מ'בויעט למשל למעלה מן המים, יא, אפילו ס'קומט נישט אן עד הקרקע, **הואיל ויש בה עשרה טפחים הרי זו מתרת**, א מחיצה פון צען טפחים איז גענוג, ס'מוז נישט אנקומען עד הקרקע.

ולא, זאגט דער רמב"ם, בדרך כלל וואלט עס נישט געהאלפן, א מחיצה תלויה וואלט נישט געהאלפן, אפשר נאר אויב ס'איז נאנט צו דריי טפחים, אפשר לבוד, אבער סתם אזוי וואלט נישט געהאלפן א מחיצה תלויה. אבל במים האבן חז"ל יא מתיר געווען אז אפילו א מחיצה וואס הענגט, ס'איז נישט קיין מחיצה וואס ריטשט די פלאר, הייסט א מחיצה.

#### טעם הקולא: כרמלית איז דרבנן

## Speaker 1:

**אמנם לא התירו במים בלבד, אמנם לא התירו במים, ומה שאיסור הטלטול במים מדבריהם**, דער איסור טלטול במים איז דאך מדבריהם, ס'איז דאך די ענין פון כרמלית, ס'איז נישט קיין רשות הרבים אדער רשות היחיד וואס איז מדאורייתא. ס'איז דאך א מקום פטור, ס'איז נאר די חכמים האבן עס געמאכט פאר א רשות לעצמו וואס איז אסור מדברי חכמים, **ממילא הקילו במחיצתה**. ס'איז דאך סייווי די גאנצע זאך איז א חומרא דרבנן, האבן זיי אויך מקיל געווען אז די מחיצה איז גענוג, **שאינה אלא כדי לעשות היכר**.

די עיקר מחיצה, א יוצא מן התורה איז דאך נישט אן עקסטערע רשות, וואס דען איז די גאנצע מחיצה, פארוואס האבן חז"ל געהייסן מאכן א מחיצה? כדי צו מאכן א היכר צווישן די כרמלית און די חצר ארום דעם. ממילא איז גענוג, פאר א היכר איז גענוג אפילו די דרויסנדיגע כרמלית און די וואסער וואס איז אין די חצר, ממילא איז גענוג די מחיצה אפילו אויב ס'קומט נישט אן עד הקרקע.

#### דיסקוסיע: צוויי לעוועלס דרבנן

## Speaker 2:

יא, לכאורה ס'איז צוויי לעוועלס דרבנן. דאס הייסט, דאס איז איין עלה לסקר, איז לכאורה נאך א זאך אז אפילו לאמיר זאגן כרמלית איז דרבנן, אבער דאס אז ווען ס'קומט אריין א אמת המים אין א מעשר איז עס נאך אלץ די פארט פון די זעלבע כרמלית, אפילו מדרבנן, וועט זיין א הכשר דרבנן. יא, ווייל די הכר העלפט דיר נישט לגבי די ענין פון כרמלית בעצם, ווייל ער מאכט נישט קיין הכר צווישן די כרמלית כולו.

## Speaker 1:

[ענדע פון חלק]

**אמת המים העוברת בחצר והלכות שופכין**

**המשך הדיון: מחיצה שאינה מגעת לקרקע**

**Speaker 1:** ממילא איז גענוג די מחיצה אפילו אויב ס'קומט נישט אן עד הקרקע.

**Speaker 2:** יא, לכאורה ס'איז צוויי לעוועלס רבנן. דאס הייסט, דאס איז איין היתר, און לכאורה איז נאך א זאך, אז אפילו לאמיר זאגן כרמלית איז דרבנן, אבער דא איז דאך ווען ס'קומט אריין א אמת'ע ים אינעווייניג, איז עס נאך אלץ די פארט פון די זעלבע כרמלית, אפילו מדרבנן, אבער אן אקסטערע דרבנן.

די היכר העלפט דיך נישט לגבי די ענין פון כרמלית בעצם, ווייל מ'מאכט נישט קיין היכר צווישן די כרמלית כולו. מ'מאכט א היכר צו זאגן צווישן די איבעריגע וואסער און די וואסער. מ'איז מבטל די וואסער צום חצר, דאס איז וואס ס'זאל זיין.

**קשיא: וואסער כמי שהונח**

**Speaker 1:** אבער איך וויל פארשטיין עפעס אן אנדערע זאך וואס מיר האבן נעכטן געלערנט, אז אלע וואסער קוקט מען אן ווי ס'איז אויף די פלאר, יא? אזוי האבן מיר געלערנט לגבי ווען מ'ווארפט אויף די וואסער. האב איך געטראכט, אז ווען די מחיצה ריטשט אן אויבן פון די וואסער, זעט אויס ווי עיקר הדין וואלט ווען די מחיצה געדארפט אנקומען ביז די פלאר. וועל איך פרעגן, מיט די דין אז אלע וואסער קוקט מען אן כמי שהונח, וואס מיר האבן געלערנט יעצט לגבי אן אנדערע נושא, לגבי די נושא פון הקירן תחתיו, יעצט רעדן מיר נישט... גוט, אבער איך וויל פארשטיין לגבי וואס מיר האבן געלערנט לגבי דעם אז די... עפעס איין זאך וואס דו האסט צוגעשטעלט וואס איז נישט אומבאדינגט געשטאנען אז ס'איז די זעלבע הלכה, לגבי דאס אז מ'זאגט נישט אז ס'איז אזוי ווי א בתוך הקרקע. נו, וואס האבן מיר געלערנט א צען טפחים? איך געדענק שוין נישט.

**Speaker 2:** ס'איז מיר נישט ממש דא אזא הלכה אז וואסער דאזנט קאונט. דאס איז אביסל מגזם מיט דעם. ס'איז דא א הלכה אז... אן הערה אז... ניין, אויב יענע הלכה וואלט געווען אז יעדע וואסער קוקט מען אן כמי שהונח, ממש אזוי ווי די קרקע, אבער דאס איז נישט די פראבלעם מיט די קרקע. אקעי, נו, איך האב נאך אן הערה אויב איינער וויל הערן וואס איך זאג. מיר האבן נעכטן געלערנט אז אויב איינער ווארפט ארויף אדער נעמט אראפ וואסער פון אויבן, זאגט מען נישט ווי ער האט עס אראפגענומען פון די וואסער, נאר ווי ער האט עס אראפגענומען פון די קרקע. אבער ס'זעט אויס אז ס'הייסט נישט גענוג אז די אויבערשטע וואסער זאל שוין הייסן די קרקע, אז ווען די מחיצה ריטשט אן ביז יענע וואסער זאל עס שוין הייסן ווי ס'ריטשט די קרקע. דאס איז א גוטע הערה.

**תירוץ: די פראבלעם איז נישט די וואסער בעצם**

איך זאג, דא איז דא אן אנדערע פראבלעם. די פראבלעם איז נישט עכט די וואסער. די פראבלעם איז עכט אז דא זעט אויס אז ס'פארט אריין אן אנדערע רשות אין דיין חצר. די וואסער, די סייז פון די וואסער איז נישט וואס מאכט די פראבלעם. מ'זאגט אז ס'מאכט די פראבלעם, אבער ס'איז נאר ווייל אנדערש, ווייל ס'איז געווען א קליינע פאדל, לאמיר זאגן, וואלסטו געווען געערגעכט אז ס'איז גארנישט. אבער אזוי ס'קומט אריין אפשר גאנצע וואסער, און ס'האלט ווי יענע פראבלעם בעצם, נישט די פראבלעם וואס הכיר והניחו ס'העלפט אדער אזעלכע זאכן. אונז האבן געלערנט, לאמיר נישט אריינגיין נאכאמאל, לענין הכיר והניחו איז פשט אז ס'האט א געוויסע דין אז אונז קוקן אן די קרקע. לענין הכיר והניחו, אדער לענין אז רשות הרבים למעלה מעשרה. דאס זענען די צוויי זאכן וואס אונז האבן געזען אז ס'איז א מסייע, און זיי האבן געזאגט אז ס'הייסט נישט אז למעלה מעשרה ווארפט מען אין ים, הגם אז א כרמלית איז למעלה מעשרה, ווייל דאס איז אזוי די דיקע קרקע. אקעי, אבער ס'איז אנדערע פראבלעמען. פאר די פראבלעם וואלט עס געהאלפן, פאר אנדערע פראבלעמען וואלט עס נישט געהאלפן.

**הלכה ט"ז: אמת המים העוברת בין החצרות**

**Speaker 2:** פרעגט דער... היכי דמי איז א מחיצה? האבן מיר דאך שוין געלערנט אין י"ד. שוין, ווייטער. דא רעדט מען א פאל, נישט ווען די אמת המים איז אין איין חצר, נאר ס'איז דא א מבוי מיט חצרות, און ס'לויפט דארטן דורך אן אמת המים. ס'איז אזא פלאמבינג סיסטעם וואס מ'האט געבויט, מ'האט געמאכט אז די אמת המים זאל דורכלויפן צווישן די חצרות, און אזוי זאלן מענטשן קענען ארויסשעפן וואסער. און די הלכה וויאזוי מען מעג עס טון אין פעלד איז אזוי: **אמת המים עוברת בין החצרות**. סאו דאס איז אן ענליכע הלכה אזויווי אונז האבן געלערנט פריער אין א חצר ווען ס'איז דא א בור מים אז מען מעג ארויסשטעקן פון די פענסטער. ס'איז אן ענליכע... די זעלבע הלכה בעצם. סאו די אמת המים לויפט דורך צווישן די חצרות. סאו אונז האבן גערעדט אז דאס איז אזויווי א כרמלית וואס לויפט דורך צווישן חצרות.

**וחלונות פתוחות לה**, און די פענסטערס פון די חצרות זענען אפן צו די אמת המים, אז זיי קענען ארויסשעפן. איז אזוי, **אם אין בה כדי שיעור**, אויב די אמת המים איז א קליינטשיגע אמת המים, קלענער ווי די שיעור וואס אונז האבן געזאגט פון צען טפחים און ד' על ד' טפחים, **אין בה כדי שיעור**, איז עס הייסט עס האט עס די דין ווי די שטח ארום. און לאמיר זאגן, אויב דאס איז א מבוי וואס מ'האט געמאכט דערויף א עירוב, **איז משלשלין מן החלונות וממלאין הימנו בשבת**. מ'מעג, מ'קוקט דאס אן אזויווי די פלאץ ארום. אויב דאס איז א פלאץ וואו מ'מעג טראגן, מעג מען אויך פון די אמת המים טראגן. **משלשלין מן החלונות וממלאין**, קען מען אראפלאזן א דלי און שעפן פון דעם. מיר האבן געלערנט פריער אז אפילו ווען ס'איז נישטא קיין עירוב, רייט? וויבאלד מען קען נישט גארנישט טון מיט דעם אמת המים אדער מיט דעם באר נאר פון שעפן פון די פענסטערס, הייסט עס בטל צו די פענסטערס, מען דארף אפילו נישט קיין עירוב, ווייל אזוי האבן מיר געלערנט פון די פריערדיגע הלכה.

**דיסקוסיע: דארף מען אן עירוב ביי מערערע חצרות?**

**Speaker 1:** אבער אויך ווען ס'לויפט ביי א חצרות? וואס הייסט, אויב איז די עיריה א עיריה וואו מען טאר נישט טראגן, האט מען נישט מחייב געווען אן עירוב? ווייל עירוב וואלט מען נאר מחייב געווען פון איין רשות צו די אנדערע, אבער דאס איז דאך... ווייל דאס איז בטל. אזוי האבן מיר געלערנט, אלעס ווען ס'איז איין מענטש. דו פרעגסט א שאלה צו ביי א חצרות איז דאס די זעלבע? איך ווייס נישט. פארשטייסט וואס איך פרעג?

**Speaker 2:** מיר האבן געלערנט אז ס'גייט דאך פון א רשות היחיד צו די זעלבע רשות היחיד, און די אמת המים האט ער נאר צוטריט, קיינער אנדערש האט נישט קיין צוטריט, ס'איז נישט קיין פראבלעם. וויבאלד מען קען נישט פון די רשות הרבים ממלא זיין, אדער פון די חלון. דאס מיינט די באר ברשות הרבים וחלון עליה? אבער דעמאלטס איז געווען אויך מיט א תנאי אז נאר אויב ס'איז נישט מפליג מן הכותל. דא איז די זעלבע תנאי דא אויך.

**Speaker 1:** אה, זייער גוט. אזוי ווי די פריערדיגע הלכה.

**Speaker 2:** אה, זייער גוט, זאגסט זייער גוט.

**ביאור: די זעלבע דין ווי ביי באר אונטער הויז**

מיר האבן פריער געלערנט די הלכה אז אויב א מענטש האט א באר אונטער זיין הויז, אויב ס'איז גלייך לעבן די הויז, אפילו טעקניקלי די באר איז אין רשות הרבים, אבער היות מ'קוקט אן די באר ווי א סערוויס פאר די הויז, ווי ס'איז א באר וואס די הויז ניצט, קוקט מען עס אן, אויב ס'איז ממש נאנט צו די הויז און קיינער קען נישט אדורך וואקן צווישן די הויז און די באר, ווערט עס אזוי ווי בטל צו די הויז און מ'קען אפשעפן דערפון, רייט?

זאגט ער, די זעלבע זאך וועט זיין אויך ווען ס'לויפט צו מערערע הייזער, דאס הייסט, יעדע שטיקל אמת המים לעבן יעדע חצר קוקט מען עס אן ווי ס'איז בטל צו יענע חצר. אזוי זעט עס אויס, אדער צו די חצר. און די חצר האט א עירוב חצרות, איז נישט קיין פראבלעם.

**התנאי: שאינו מופלג מן הכותל שלשה**

**במדברים אמורים? שאינו מופלג מן הכותל שלשה,** אזוויי פריער איז געווען אין די הלכה, ווען ס'איז נישט ווייט פון די וואנט מער ווי דריי טפחים. אבער אויב ס'איז ווייט פון די וואנט דריי טפחים, קען מען עס נישט אנקוקן דבוק צו די חצר, יא. אין די דריי איז דבוק, קוקט מען עס אן ווי ס'איז ממש א וואסער וואס איז קאנעקטעד צו די הויז. אבער אויב ס'איז מער ווי דריי טפחים, איז דאך עס נישט קאנעקטעד צו די הויז, צו די חצר, יא. ממילא הייסט עס יעצט ווי א מענטש שעפט ארויס פון א... פון עפעס וואס איז נישט א הויז, פון אן אנדערע רשות, פון דרויסן פון די חצר.

### דער דין פון פסים

**"אין ממלאין ממנו אלא אם כן היו פסים יוצאים מן הקצוין מכאן ומכאן".** נאר אויב ס'איז דא פסים, ס'איז דא... וויאזוי זאל מען טייטשן? מ'גייט דא אסאך מאל לערנען די ווארט פסים - קליינע מחיצות. פסים טייטשט קליינע מחיצות. זייער גוט. אויב ס'איז דא קליינע מחיצות, א פס נאר, לאמיר זאגן פסים. די פראבלעם איז נישט פסים מיט א ת' וואס איז א ברויט, נאר א פס מיט א ס'. פסים איז מותר א מחיצה, אדער דורך א פס וואס מ'עסט ברויט, אדער א פס וואס איז מיט א ס' איז מותר עירוב, מיינסטו. יא.

אויב ס'איז דא אזעלכע קליינע מחיצות **יוצאים מן הקצוין מכאן ולכאן,** ווייזט, די פס ווייזט אז די שטיקל וואסער באלאנגט צו די הויז, צו די חצר, און ס'איז אן אמבטיא וכלים יוצאים לחצר. זייער גוט.

### דיסקוסיע: פסים העלפן נאר אן שיעור

**Speaker 1:** דאס איז ווייטער לכאורה ווייל די גאנצע זאך איז דרבנן, ווייל די מים איז א כרמלית, זאלן די רבנן לאזן... ס'איז א כרמלית!

**Speaker 2:** ניין, ס'איז נישט קיין כרמלית, ס'איז נאר די שאלה איז וואסערע עפעס וואס איז אין דרויסן פון די חצר. אויב ס'איז א שיעור, גייט מען דארפן... אויב ס'איז יא א שיעור, לכאורה האט די פסים אויך געהאלפן. ס'איז אמאל געקומען בתר, אויב ס'איז א שיעור העלפט נישט.

**Speaker 1:** אינטערעסאנט, אויב ס'איז א שיעור, דעמאלטס איז עס ממש א כרמלית, האט מען דארפן מאכן אן אמת'דיגע מחיצה. מ'וועט עס לערנען שפעטער, יא? ער גייט אנקומען צו אויב ס'איז יא די שיעור? ער זאגט נישט, ניין.

**Speaker 2:** ער זאגט, ס'איז משמע פון דעם אז אויב ס'איז דא א שיעור, דעמאלטס... די העלפט נאר ווי לאנג ס'האט נישט קיין שיעור, ס'איז דא א מקום בתר, ס'איז נאר אז ס'זעט אויס אז מ'קען העלפן די פס וכדומה. אזוי זאגט ער, יא.

דאס הייסט, די פריערדיגע פס האט נאר געהאלפן אז ס'זאל נישט זיין קיין פרצה, אבער דא רעדט מען פון א חצר, ס'איז נישט ארומגענומען מיט מחיצות. דא איז די אויטסייד פון די חצר, ס'איז נישט ארומגענומען מיט מחיצות. סאו די פס העלפט נאר אז ווען ס'איז נישט קיין שיעור כרמלית, זאל עס הייסן בטל צו די הויז, ס'זאל נישט הייסן ווי דו נעמסט פון דרויסן פון די חצר. ס'איז נישטא קיין מחיצות דא.

### הערה וועגן דער ראב"ד און מגיד משנה

יא, מ'דארף וויסן, אויב איינער וויל פירן זיך להלכה למעשה, זאל ער קוקן, די מגיד משנה ברענגט, איך מיין די ראב"ד איז מחולק אויף די אלע הלכות, ער האלט אז די רמב"ם האט פאלש געלערנט די גמרא'ס, און די מגיד משנה זאגט אז ער האט נישט קיין צייט צו רעדן וועגן דעם. ווייל ס'איז עניוועי נישט מוציא, "ואין דברים אלו מוציאין כדי להאריך בהן". און אויב דו ווילסט וויסן די רשב"א'ס שיטה, זאלסטו קוקן אין זיין ספר. בקיצור, דער מגיד משנה איז געווען אזוי, אין זאכן וואס זענען נישט מוציא האט ער נישט מאריך געווען. סאו, דא האב איך עס לאנג געמאכט, ווען ס'איז געווען נוגע.

ניין, ס'איז זייער אינטערעסאנט. אונז מיינען אז איינער שרייבט א פירוש אויף א ספר, ער מוז פארשן יעדע שטיקל. דער מגיד משנה, אדער אפילו דער טור וועט מען זען סאמטיים'ס, ס'קומט אן א גאנצע סוגיא, פיר שיטות אין די ראשונים, א גאנצע מבכה, אזוי קומט ער, ער פירט זיך איינס, "נישט נוגע, איך פאר ווייטער".

סא, דער רמב"ם אליין ארבעט נישט אזוי. דער רמב"ם קוקט נישט אן צו ס'איז נוגע להלכה, ווייל דער רמב"ם וויל קאווערן תורה שבעל פה. אבער דער מגיד משנה וויל דיך וויסן לגבי הלכה. איך קען מאכן א קאנספיראציע טעאריע, אז דער רמב"ם, ווען זאכן וואס זענען ווייניגער נוגע אדער ווייניגער שטארק אויסגעארבעט, איז ער ווייניגער מאריך? ער איז נישט ווייניגער מאריך, ווייל ער דארף ברענגען יעדע הלכה. אבער ס'קען יא זיין אז ער נעמט עס ווייניגער ערנסט, און אז ער האט דארט א טעות איז נישט קיין גרויסע עולה. די רמב"ם'ישע קעשענעס פון נישט קומען צו די קלארקייט איז נישט אזוי גרויס. אבער איך האב נישט קיין ראיה פאר דעם, דאס איז א קאנספיראציע טעאריע. איך זע נישט אז ער זאל למשל הלכות קידוש החודש נעמען ווייניגער ערנסט ווי הלכות... ער וויל וויסן, ער האט ריזענס. אדער הלכות... יא, איך זאג נישט אז ער נעמט נישט ערנסט, איך זאג נאר אז דו קענסט אלעמאל זאגן אז אפשר איז ער מדייק געווען, טאקע ווייל ס'איז נישט נוגע האט ער ווייניגער מדייק געווען. איך ווייס נישט.

### הלכה י"ז: כצוצרה

**Speaker 2:** זייער גוט. אקעי, יעצט גייען מיר לערנען וועגן גזוזטרא. די גמרא רופט עס גזוזטרא, דער רמב"ם רופט עס כצוצרה. ס'איז דא א מנהג אזא גירסא? ס'איז דא א מנהג אזא גירסא, יא. איך מיין אז ס'איז די זעלבע, ס'איז זייער ענליך, כ"ץ צ"ר, וואטעווער. א כצוצרה. א גזוזטרא, וויאזוי טייטשט מען גזוזטרא אין אידיש? קוק אויף די פיקטשער. אזא שטיקל וואס שטעקט זיך ארויס פון די וואנט. א פלאטפארמע אזא וואס קומט ארויס. וואס איז א כצוצרה? יא, כצוצרה, וואטעווער, סאמטינג. יא, וואס איז דא? אזא פרעים, אזא קליינע שטיבל אזוי ווי, למעלה מן הים. דאס הייסט, ס'קומט ארויס פון די... ס'איז דא א וואנט, הויז, אויף די איין סייד פון זיין הויז איז דא א וואסער. היינט איז דא סינקס, איז דא אלעס דאס, אבער אמאל איז געווען פארשידענע טריקס וויאזוי צו ברענגען די וואסער צו שטוב. סאו ס'זעט אויס אז דא איז א זאך אז צו לעבן א וואסער זאל מען בויען אזא קליין שטיבל וואס דארטן קען מען גרינג שעפן.

זאג איך, ווען מ'לערנט די הלכות דארף מען דאנקען דעם אייבערשטן אז ס'איז דא סינקס און סוער סיסטעמס און וואסער פייפס און אלע זאכן.

## הלכות שבת — גזוזטרא שעל גבי הים וחצר קטנה

### גזוזטרא שעל גבי הים — שעפן וואסער פון א כרמלית

**Speaker 1:** סאו ס'איז דא אזא frame, אזא קליינע שטיבל אזוויי, למעלה מן הים. דאס הייסט, ס'קומט ארויס פון די... ס'איז דא א מענטש, ער האט א הויז, אויף די איין סייד פון זיין הויז איז דא א וואסער. יא. היינט איז דא סינקס, ס'איז דא אלעס דעיס. ביי די אמאליגע צייטן איז געווען פארשידענע טריקס וויאזוי צו ברענגען די וואסער צו שטוב. סאו ס'זעט אויס אז ס'איז דא אזא זאך אז צו לעבן א וואסער זאל מען בויען אזא קליין שטיבל וואס דארטן קען מען גרינג שעפן. יא.

ס'איז אזוי, יא, מ'שפארט זיך יעדן טאג, אונז האבן געשפארט אסאך צייט, יעדן טאג האבן אונז אפאר עקסטערע שעה, מ'דארף נישט גיין צו די גזוזטרא שלעפן וואסער. מ'האט געהאט אסאך מער צייט, יא.

איז אזוי, **גזוזטרא שעל גבי הים,** אזא פלאטפארמע וואס איז א שטיבל, און לעבן דעם איז דא אזוי ווי א חלון און א זיז היוצא מן החלון. די תלמידים קענען זען די פיקטשער? ניין. מ'דארף אריינלייגן די פיקטשער אין די... יא. איך וועל פרובירן ווען דו ווילסט, יא. לאמיר זען צו מ'קען. ס'איז דא זייער שיינע פיקטשערס די חברה. לאמיר נאר זען, לאמיר זען. יעצט זע איך נישט קיין פיקטשער. אקעי. ס'איז דא א פלאטפארמע, און ס'איז דא א פענסטער, און אויף די פענסטער איז דא אזא זיז היוצא מן החלון, און דורך דארטן קען מען ארויסשעפן.

איז אזוי, **גזוזטרא שעל גבי הים, וחלון בתוכה על גבי המים,** פון די גזוזטרא קומט ארויס א חלון, וואס through די חלון זאל מען קענען

אנשעפן וואסער. די גזוזטרא מיינט דעי שטיקל, האב איך פארשטאנען. די גזוזטרא זעט אויס ווי א סינק, און דאס איז דיין הויז, און ס'שטייט דא א חלון קעגן דעם, וואס דורך דעם גייט מען און מ'שעפט פון די... פון די ים.

איז אזוי, די שטיבל איז רשות היחיד, די מים איז א כרמלית. טאר מען נישט מדרבנן ארויסנעמען וואסער פון די כרמלית אריינצוברענגען אין די שטוב. סאו וואס איז יא די עצה? איז אזוי, **אין ממלאין מים בשבת**, טאר מען נישט אנפילן וואסער פון די מים בשבת, **אלא אם כן עשו מחיצה עשרה טפחים גבוהה על גבי המים. כנגד החלון שבגזוזטרא.**

אוי, לאמיר קודם אפלערנען די גאנצע שטיקל. **"או יעשה מחיצה יורדת מן הגזוזטרא כנגד המים, או רואין אותה כאילו יורדת ונוגעת עד המים".** איז אזוי, דא רעדט מען פון א כרמלית, וואס איז אסור מדרבנן. האבן חכמים אויפגעקומען מיט וועגן וויאזוי מ'קען יא מתיר זיין פאר מענטשן צו אויסשעפן פון די גזוזטרא. געווענליך וואלט מען געזאגט אז דו דארפסט ממש ארומנעמען א חלק פון די וואסער מיט פול דריי זייטן מחיצות, אדער מיט פולע מחיצות, אבער הואיל און ס'איז א כרמלית, האבן די חכמים מיקל געווען אז ס'איז גענוג אז ס'איז דא א שטיקל מחיצה. און די שטיקל מחיצה געבט ער דיר צוויי אפשענס. אדער האט מען געבויט א מחיצה גלייך לעבן די גזוזטרא, מ'נעמט ארום אז ס'זאל אראפקומען א וואנט פון די גזוזטרא. אדער, קודם, אקעי, די ערשטע זאגט ער, אז די גזוזטרא זאל אראפגיין אין די וואסער, אבער ס'זאל נישט גלייך אריינגיין אין די וואסער, נאר ארום די וואסער זאל מען בויען א קליינע, ארום די שטח פון די וואסער פון וואו מ'וויל ארויסשעפן, זאל מען בויען א קליינע מחיצה, מחיצות פון צען טפחים, וואס דאס זאל אפטיילן אז דאס שטיקל איז נישט א כרמלית, נאר דאס שטיקל איז אזוי ווי עקסטער פון די כרמלית.

**דיון: פארוואס העלפט א מחיצה ביי פליסנדע וואסער?**

און דאס שטיקל ווערט א רשות היחיד, ווייל די וואסער אונטער דעם איז נישט... די וואסער איז א גאנצע צייט צוליפט, דו האסט מיר נישט געפרעגט אז מ'גייט ביז די פלאר פון די וואסער? דאס איז א פראבלעם, דארף מען וויסן. דאס איז די גוטע וואטעווער... אקעי. אז אויב מ'בויעט די מחיצה, מאכט מען אז דאס שטיקל פון די כרמלית ווערט אזוי ווי א רשות היחיד. אדער די אנדערע וועג וואס מ'מאכט די מחיצה איז אז ס'קומט גלייך אראפ פון די גזוזטרא כנגד המים. איינע פון די צוויי מחיצות העלפט אז מ'זאל קענען אנשעפן וואסער פון די גזוזטרא פון די מים צו די שטח אונטער דעם.

**די מחיצה העלפט אויך פאר אויסגיסן**

און די מחיצה העלפט נישט נאר אויף אויסצושעפן וואסער, נאר ס'העלפט אויך אויסצוגיסן וואסער, אויב מ'נוצט דארט די זעלבע פלאץ פאר א סוער סיסטעם. **"כשם שממלאין הימנה בשבת מפני המחיצה, כך שופכין ממנה לים"**, מ'מעג אויך אויסגיסן הרי על הכרמלית, זיי גיסן דאך אויף די כרמלית. מ'זעט דא פון די ווערטער "הרי על הכרמלית" נישט אויף אז ס'בלייבט א כרמלית. די מחיצה מאכט עס אויס. די מלבי"ם איז דאס מסביר, אז מ'וועט זען די נעקסטע וואך אז ס'גייט אזוי. ס'זעט דא אויס אז ס'הייסט נאך אלץ א כרמלית, און די מחיצה גיט א היתר צו שעפן פון די כרמלית.

**הסבר: וויאזוי די מחיצה ארבעט**

וואס ס'הייסט איז, איך האב דאס שוין געזאגט וואס ס'הייסט איז, און איך זע אזוי אין אונזער מזל"ג, ס'הייסט אז די שטיקל איז זיכער א רשות היחיד, די צען טפחים איז געהעריגע צען טפחים וואס עס האט א דין רשות היחיד גמור. ברם כל, עס בלייבט נישט די וואסער דארט, עס פליסט ארויס. אויף דעם איז דער חומרא מתה געווען אז אויב לכתחילה די ערשטע אזוי ווי גיס אדער די ערשטע שעפ גייט ער דאך אין א רשות היחיד, אונז קערן נישט פון דעם וואס ער פליסט ווייטער פון די כרמלית. דאס איז קודם די וועג אין די היתר.

סתם אזוי, דו זאגסט אזוי אז דאס איז די כרמלית, האלט אין איין לויפן, מאכט ווי די וואסער ליגט נישט אין די רשות היחיד, וואלט עס נאך אלץ געקענט הייסן ווי דו שעפסט פון די כרמלית, ווייל די וואסער ליגט נישט אין די רשות היחיד, ס'ליגט אין די כרמלית, סאו דו נעמסט פון די כרמלית, אבער עס איז ענליך צו א רשות היחיד. נאר דא וועט נישט העלפן. עס גייט אדורך א רשות היחיד. אונז גייען לערנען אן ענליכע הלכה. די נעקסטע הלכה פון די עיקר איז זייער מפורש אז דאס איז דער וועג אין די היתר. פון וועמען טראכט איך אז דא איז אויך אזא. די גאנצע כרמלית איז מדרבנן, און ווען אזא אופן פון מים זעט אויס אז ס'פעלט אויס מען זאל קענען אין וואסער-שעפעס, האבן דער חכמים געזאגט אז אויב מאכט קודם די פלאץ ווי איך שעפ אריגינעל איז רשות יחיד, גייט מיך נישט אן אז די וואסער קומט בעטער פון א כרמלית, אדער אין א סעקונדע שפעטער גייט עס גיין צו די כרמלית. עס איז שוין מותר. דאס איז מיינעך די וועג וואס ערוועט.
